STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03917

IDN IN SOVETN-FARBAND

P. Novik

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פּ. נאָוויק

אידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

אַ רייזע פון צוויי חדשים אין דעם סאָוועטישן לאַנד

ניו יאָרק, 1965

פרייז: 20 סענט

אידן אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד

אײַנדרוקן פון אַ באַזוך פון צוויי חדשים אין סאָוועטן־
פֿאַרבאַנד — נאָוועמבער און דעצעמבער, 1964 —
פון פּ. נאָוויק, רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן־פרייהייט".

ארויסגעגעבן פון דער „מאָרגן־פרייהייט"
35 איסט 12־טע גאַס
ניו יאָרק 3, נ. י.

JEWS IN THE SOVIET UNION

IMPRESSIONS OF A TWO MONTHS' VISIT TO THE SOVIET UNION • NOVEMBER AND DECEMBER 1964

by PAUL NOVICK,
editor of the Morning Freiheit

Published by the Jewish Daily
MORNING FREIHEIT
35 East 12 St., New York 3, N. Y.

209

אַ גרוס — אין אַן ערנסטער צייט

אין אַן ערנסטער צייט פֿאַר דער וועלט, פֿאַר אַמעריקע, פֿאַרן אידישן פֿאָלק, אַ צייט פֿון גרויסע געפֿאַרן, געפֿאַרן פֿון אַן אַטאָמישער וועלט־מלחמה, איז דער ערשטער גרוס, וואָס איך ברענג פֿון אַ רייזע פֿון פֿיר חדשים איבער אַ ריי לענדער פֿון אייראָפּע, איבער די סאָציאַליסטישע לענדער, — אַ גרוס פֿון שלום, אַ גרוס וועגן אַ ברענענדיגן באַגער פֿאַר שלום.

וועגן דעם — וועגן שלום — האָב איך „ערשט נעכטן" געהערט אין פּאַריז, אויף אַ גרויסן פֿאַראייניגטן פֿאָלקס־מיטינג, וואו דער לאָזונג איז געווען: „קיינמאָל מער אַשווענטשים, קיינמאָל מער מלחמה!" דאָס איז געווען אַן אָפּקלאַנג פֿון אַן ענלעכן לאָזונג, וואָס איך האָב מיט געציילטע טעג פֿאַר דעם געהערט אין וואַרשע, אין דער שטאָט, וואָס איז אויפגעשטאַנען פֿונ'ם אַש, פֿונ'ם חורבן, — און פֿון אַן ענלעכן לאָזונג, אין דעם רוף צו דער וועלט, אין דעם רוף צו אַלע אידן, מצד דעם קליינעם, אָבער אַקטיוון אידישן ישוב אין פּוילן. איך האָב געזען דעם לאָזונג פֿאַר שלום ביים האָפֿן פֿון שטשעטשין און ביים אַריינפֿאָר אין פּראַג. און אינ'ם האָפֿן פֿון ריגע, פֿאַרנדיג אויף אַן אינטערוויו מיט אַ אידישן שיפֿס־קאַפּיטאַן, האָב איך געזען דעם לאָזונג. און אויפֿן וועג צו ערענבורג'ן, אויסער מאָסקווע, האָב איך געזען די לאָזונגען פֿון שלום דאָרט וואו די מאָסקווער איינוואוינער האָבן אָפּגעשלאָגן דעם אָנגריף פֿון די נאַצי־האָרדעס, דאָרט וואו די מאָסקווער פּרויען האָבן געגראָבן טרענטשעס צו באַשיצן זייער שטאָט. און מיין שמועס מיטן פּרעזידענט פֿון סאָוועטן־ליטע, יוסטאַס פּאַלעצקיס, האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ ווענדונג פֿון אים צו אַלע מענטשן פֿון גוטן ווילן אין אַמעריקע, אַ ווענדונג פֿאַר שלום. און אין די היימען פֿון אַ סך פֿאָלקס־מענטשן, וועלכע האָבן אַזוי פֿיל קרבנות געבראַכט, האָב איך געהערט, געפֿילט, דעם האַרץ־באַגער פֿאַר שלום. און פֿאַרנדיק מיט דער באַן צווישן די בריאַנסקער וועלדער האָב איך, אינמיטן וואַלד, דערזען אַ דענקמאָל פֿאַר די פּאַרטיזאַנען אין דעם וואַלד מיט אַ רוף צו שלום. איז אָט מיט דעם הויב איך אָן מיין באַריכט. זאָל דער רוף פֿון אייראָפּע, פֿון מענטשן פֿון אַלע ריכטונגען, זאָל דער רוף פֿון די פֿעלקער אין סאָוועטן־לאַנד, אין פּוילן, אין טשעכאָסלאָוואַקיע, אין פֿראַנקרייך דערהערט ווערן: זאָל דער שלום געזיכערט ווערן!

איך ברענג אַ גרוס פון אונזערע־אייערע אייגענע, פון אַרבעטס־מענטשן, פון אידישע שרייבער און קולטור־טוער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און פוילן. איך ברענג אַ גרוס פון דערגרייכונגען און פון פּראָבלעמען, פון נחת און פון שוועריגקייטן. ס'איז אַוודאי אָנגענעם צו דערציילן נאָר גוטע זאַכן און צו הערן נאָר גוטע זאַכן. אָבער ווען מ'זאָל ניט רעדן פון שוועריגקייטן און פּראָבלעמען — צוזאַמען מיט דערגרייכונגען — וועט עס ניט זיין דער אמת. און דאָס וואָלט ניט געטויגט פאַר־זיך אַליין — און דאָס וואָלט אויך ניט געהאָלפן באַזייטיגן די שוועריגקייטן און לייזן די פּראָבלעמען.

ווי מיט זעקס יאָר צוריק, ווען איך בין געקומען פון מיין רייזע אין איראָפּע, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַזוי וועל איך איצט וואָרענען, אַז מ'זאָל ניט טראַכטן וועגן די סאָציאַליסטישע לענדער, וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי וועגן אַ אוטאָפּיע, וואו אַלץ איז שוין געלייזט געוואָרן, וואו עס זיינען שוין קיין פּראָבלעמען, גרויסע פּראָבלעמען, ניטאָ. דאָס וועט ניט שטימען מיט דער ווירקלעכקייט — מיט וועלכער פיל טוריסטן, שטויסן זיך אָן — און דאָס וועט אויך ניט זיין קיין טובה פאַר דער זאַך גופא, פאַר די סאָציאַליסטישע לענדער גופא, צום לייזן די פּראָבלעמען. דער עיקר איז — ווי אַזוי גייט דאָרט דער גאַנג פון דער געשיכטע? גייט ער פאָראויס, מיט שוועריגקייטן און פּראָבלעמען? וואָרט דער פונדאַמענט פון סאָציאַליזם באַקרעפטיגט? וועגן דעם וועלן מיר רעדן.

דער לאָזונג: „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם"

איך בין געווען אין ביידע דייטשלאַנדס — אין דער דייטשער פעדעראַטיווער רעפובליק (מערב־דייטשלאַנד) און אין דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפובליק (מזרח־דייטשלאַנד). אַז איך בין געווען אין פראַנקרייך, אין פוילן און טשעכאָסלאָוואַקיע האָב איך דערמאָנט. איך וועל זיך אָבער קודם כל אָפּשטעלן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווייל דער הויפּט־ציל פון מיין רייזע איז געלעגן דאָרט און צוליב אַ גאַנץ באַשטימטער זאַך.

אַוודאי אינטערעסירט מיך, זייער שטאַרק, דער גאַנג פון דער סאָציאַליסטישער בויאונג אין דעם דאָזיקן לאַנד, וואָס גרייט זיך שוין איצט צום יובילי פון אַ האַלבן יאָרהונדערט זינט דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, אין 1957. וועגן דער דאָזיקער בויאונג און וועגן דעם לעבן פון דעם פשוטן מענטשן וועט מיר אויסקומען שפּעטער עטוואָס צו רעדן. אָבער איך האָב געהאַט פאַר זיך אַ ספּעציעלע אויפגאַבע, פאַרנדיק אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

עס קומט פאַר דאָ אין לאַנד און אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, אין משך פון יאָרן שוין, אַ קאַמפּאַניע אונטערן לאָזונג: „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם". עס ווערט דערמיט געלייגט אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויף דער דאָרטיגער מאַכט, אויף דעם גאַנצן לאַנד, דער שטעמפּל פון אַנטיסעמי־

טיזם. פאַרשיידענע פּאַסירונגען און אַנטוויקלונגען ווערן צונויפגעמישט צוזאַמען און אַזוי אונטערגעטראָגן דעם עולם, כדי צו באַקרעפטיגן דעם דאָזיגן איינדרוק. אַלס רעזולטאַט דערפון באַקומט זיך אַזוינס, וואָס מוז העלפן אונטערגראָבן דעם קאַמף פאַר שלום און קאָ־עקזיסטענץ. ווייל אויב עס איז אמת, אַז דאָס גרעסטע לאַנד אין דער סאָציאַליסטישער וועלט, דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז אַ לאַנד פון אַנטיסעמיטיזם, טאָ ווי אַזוי קאָן אַמעריקע, דאָס גרעסטע לאַנד אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט פירן אַ פּאָליטיק פון קאָ־עקזיסטענץ מיט יענעם לאַנד?

עס גייט דאָ דעריבער ניט דער עיקר אין פאַרטיידיגן דעם נאָמען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, — כאָטש פאַר פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד איז דאָס אַ גאַנץ ערנהאַפטע אויפגאַבע. עס גייט דאָ קודם כל אין דעם, אַז דער לאַזונג פון קאָ־עקזיסטענץ און שלום זאָל פאַרטיידיגט ווערן! דאָס הייסט, עס האַנדלט זיך גאָר אין אַ גרויסער מאָס וועגן די אינטערעסן פון אַמעריקע, פון אידישן פאָלק! ווי־זשע האַלט עס מכוח דעם לאָזונג „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם“, מיט וועלכן עס ווערט אַזוי שטאַרק אָפּעררירט?

שמועסן מיט סאָוועטישע מענטשן

צוויי חדשים בין איך געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווי דער גאַסט פון דעם אָרגאַן פונ׳ם אַל־סאָוועטישן שרייבער־פאַרבאַנד, „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“. איך האָב געהאַט אַלע מעגלעכקייטן צו זיין צווישן די פאָלקס־מאַסן — און איך האָב זיך געקאָנט גוט צונויפרעדן מיט זיי, אויף רוסיש, אידיש אָדער ענגליש, אָן שום פאַרמיטלער. אין דעם האָטעל „מאָסקווא“, וואו איך האָב געוואוינט די 2 חדשים, אין סאַמע צענטער פון שטאָט, בין איך געוואָרן באַקאַנט מיט די באַדינער, מיט די קעלנערס, וואָס פלעגן מיר אָפט ברענגען שפּייז אין צימער אַריין און מיט וועלכע איך פלעג שמועסן אָן שום פאַרמיטלונג, אָדער שטערונג, אויספרעגנדיג זיי וועגן דער לאַגע, אָדער ווי זיי אַליין לעבן. צו מיר אין האָטעל־צימער פלעגן קומען אַלערליי מענטשן. אַלטע באַקאַנטע פון מיינע פריערדיגע באַזוכן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד (אין: 1959, 1946, 1936, 1932, 1929), אָדער אומבאַקאַנטע — אַלע, וועלכע האָבן זיך פון אַ מעלדונג אין דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ פון 7־טן נאָוועמבער (1964) דערוואוסט וועגן מיין קומען אין מאָסקווע, אָדער אויף אַנדערע אופנים זיך דערוואוסט. דאָס זיינען געווען אידישע אַרבעטער פון די פאַבריקן און זאַוואָדן, אַנגעשטעלטע, אינטעלעקטואַלן, אָדער גאָר לאַנדסלייט, פון מיין געבורט־שטאָט בריסק. איך בין אָפט געווען, טעג און נעכט קאָן מען זאָגן, צוזאַמען מיט אידישע שרייבער און דיכטער אויף באַראַטונגען אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“, ווי זייער גאַסט — און פאַרנדיג צוזאַמען מיט זיי קיין קיעוו און אָדעס, פאַרברענגענדיק צוזאַמען, ווי מיט אַלטע פריינט.

אַדאַנק דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ“ און דעם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו שמועסן מיטן וויצע־פּרעמיער פון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, בנימין דימשיץ, וועלכער איז דער פֿאָרזיצער פון דעם העכסטן עקאָנאָמישן ראַט פון לאַנד; צו שמועסן מיט איליאַ ערענבורג׳ן, מיטן הויפּט פון דער העכסטער מיליטערישער אַקאַדעמיע אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אין מאָסקווע, גענעראַל־פּאָלקאָווניק אַלעקסאַנדער צירלין — אויך אַ איד; שמועסן מיטן פּרעזידענט פון סאָוועטן־ליטע, יוסטאַס פּאַלעצקיס, מיטן וויצע־פּרעמיער פון אוקראַינע, פּיאָטר טראָאינקאָ, מיטן וויצע־פּרעזידענט פון דער אוקראַינער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, פּראָפּ. וויקטאָר גוטיר, מיטן מיטגליד פון דער קאָלעגיע פון מיניסטעריום פֿאַר העכערער בילדונג פּראָפּעסאָר אַנאַטאָלי באַגאָמאָלאָוו, מיטן הויפּט פונעם דעפּאַרטמענט פֿאַר אויסלענדישע באַציאונגען אינעם קולטור־מיניסטעריום אין מאָסקווע. ניקאָלאַי קאַלינין, מיט דער הויפּט־פירערשאַפט פון דער מעדיצינישער אַקאַדעמיע, מיט די געהילפן פון דעם הויפּט־פּראָקוראָר פון סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, מיט דער רעדאַקציע פון זשורנאַל „ניו טאַימס“ — די מערהייט אירע אידן — מיט די אָנפירער פון אויסלענדישן אָפּטייל פון דער „פּראַוודאַ“. איך בין געווען אין דער מאָסקווער הויפּט־סינאַגאָגע, זיך געזעגנט מיט הרב יהודה ליב לעווין, גערעדט אַ פּאָר מאָל מיטן פּרעזידענט פון דער מאַרינאַ־ראָשטשע סינאַגאָגע, צבי ליב, זיך אינטערעסירט מיט די סינאַגאָגעס אין די שטעט, וואָס איך האָב באַזוכט. איך בין געווען אויף פּייערונגען אינעם אַלגעמיינעם סאָוועטישן שרייבער־פֿאַראיין און אין „סאָוועטיש היימלאַנד“, האָב באַזוכט פֿאַבריקן און זאַוואָדן אין מאָסקווע, ריגע, אָדעס. איך בין געווען אין די היימען פון אייגענע און באַקאַנטע — אַרבעטער אין די פֿאַבריקן, אינזשענערן, שרייבער, איבערזעצער, דאָקטוירים, פֿאַרבראַכט אינטים מיט אַ אידישן גענעראַל.

אידן אין דער סאָוועטישער אַרמיי

דערלויבט מיר דאָ צו באַקענען אייך מיט אים. זיין נאָמען איז מאָאיסעי איסאַקאָוויטש סימינאָווסקי, געבאָרן אין אַ דאָרף לעבן זשלאָבין, דער זיידע איז געווען אַ קרעטשמער, דער טאַטע — יצחק געדאַליע — אַ טעסלער, וועלכער האָט געזוכט גליקן דאָ אין אַמעריקע און ניט געפונען. ניט אַריינגייענדיג אין אייַנצלהייטן, ווי אַזוי מאָיסעי איסאַקאָוויטש סימינאָווסקי איז געוואָרן אַ גענעראַל, וועל איך נאָר זאָגן, אַז ער איז אין דער מלחמה געווען אַן אָנפירער פון די אָפּעראַציעס, וואָס האָבן באַפרייט וויטעבסק פון די נאַציס. ער האָט 19 אויסצייכענונגען, צווישן זיי 1 לענין־אָרדן, 3 קוטוזאָוו־אָרדנס, 1 סואוואָראָוו־אָרדן. אין יולי 1964, ווען וויטעבסק האָט געפייערט דעם 20טן יובילייַ זינט דער באַפרייאונג, איז ער געווען בראש פון

דעם פייערלעכן פּאַראַד אויף די הויפּט־גאַסן פון וויטעבסק (איך האָב געזען די בילדער פון דעם פּאַראַד), אויסגעפּוצט אין אַלע זיינע אָרדנס און אויס־צייכענונגען.

ווען איך האָב געפרעגט דעם גענעראַל סימינאָווסקי צי עס זיינען דאָ אַ סך אידישע גענעראַלן אין דער אַרמיי, האָט ער מיר אַ זאָג געטאָן: „אַ מיליאָן!" האָב איך אים געענטפערט: „הונדערט טויזנט וועט זיין גענוג פּאַר מיר, — רופט מיר אָן כאָטש עטלעכע נעמען". האָט ער מיר געזאָגט: ווייסט איר גאָר וואָס? דער נאַטשאַלניק פון דער אינזשענער־מיליטערישער אַקאַ־דעמיע דאָ אין מאָסקווע איז אַ ייד.

די מיליטערישע אַקאַדעמיע אין מאָסקווע איז, קאָן מען אפשר זאָגן, ווי די וועסט פּאָינט אַקאַדעמיע דאָ אין אַמעריקע (אויב איך, אַ פּשוט'ער מענטש, קאָן זיך אַריינמישן אין אַזעלכע ענינים). זי איז געגרינדעט געוואָרן — די מאָסקווער אַקאַדעמיע — פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, אין יאָר 1819, מיט 146 יאָר צוריק.

גענעראַל סימינאָווסקי האָט מיר געגעבן דעם נאָמען פון דעם אידישן הויפּט פון דער אַקאַדעמיע — גענעראַל־פּאָלקאָווניק אַלעקסאַנדער צירלין. הייסט עס, פון אַלעקסאַנדער ביז אַלעקסאַנדער: פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן ביז אַלעקסאַנדער צירלין...

איך האָב געבעטן דער „ליטעראַטורנאַיאַ גאַזעטאַ" איינצואָרדענען פּאַר מיר אַ באַגעגעניש מיטן גענעראַל־פּאָלקאָווניק צירלין — און די באַגעגעניש איז פאָרגעקומען דעם 26טן דעצעמבער. סימינאָווסקי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז דער פאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פונעם גאַנצן קיעווער מיליטערישן אָקרוג איז אַ ייד — גענעראַל מאַטוועי ווייגרוב, אַ העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

די נעמען פון גענעראַל קרייזער און גענעראַל דראַגונסקי זיינען באַ־קאַנט. איך האָב געזוכט נייע נעמען. אָבער לאָמיר געדענקען, אַז גענעראַל יאַקאָוו קרייזער טראָגט דעם העכסטן טיטול פון אַ גענעראַל — גענעראַל אַרמיי, „דזשענעראַל אָוו דהי אַרמי". גענעראַל דוד דראַגונסקי האָט צוויי מאָל געקראָגן די אויסצייכענונג „העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד" און איז דער הויפּט פון אַ מיליטערישן דיסטריקט ביי דער דרום־גרענעץ פון לאַנד.

אידן אין דער מלוכה און אין דער אינדוסטריע

אויף אַזוי פיל וועגן אידן אין דער סאָוועטישער אַרמיי. און איך בעט יעדן אָרנטלעכן מענטשן צו נעמען דאָס אין אַכט. וואָס איז מכוח אידן אין דער אינדוסטריע, אין דער מלוכה?

איך בין געווען אין דעם באַרימטן זאַוואָד „דינאַמאָ" אין מאָסקווע, — באַרימט דורך דעם, וואָס לענין איז דאָרט אַרויסגעטראָטן אין 1921, אויף באַ־

רימט דורכ'ן אַנטייל פון די אַרבעטער פון דעם זאַוואָד אין די רעוואָלוציעס פון 1905 און 1917. דער דירעקטאָר פון דעם היסטאָרישן זאַוואָד פון אַרום צען טויזנט אַרבעטער הייסט — יאָסיף לעאָוויטש ליטוואַק. אַרומגעפירט איבערן זאַוואָד האָט מיר דער הויפּט־קאָנסטרוקטאָר, וועלכער הייסט — אַראָן אַבראַמאָוויטש ראַבינאָוויטש. אין די צעכן פון זאַוואָד האָב איך אָנגעטראָפן אַ מייסטער, לייבל לענאָוויטש פון מאָזיר, וועלכער האָט מיר געזאָגט, אויף אידיש, אַז צווישן די אַרבעטער פון זיין צעך זיינען דאָ אידן.

אין ריגע בין איך געווען אויף איינעם פון די וויכטיקסטע ראַדיאָ און עלעקטראָניק זאַוואָדן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דער הויפּט־אינזשענער איז אַ איד — יעווסעי מאַרקאָוויטש ראָזענסקי. אַ גרויסע צאָל אידן איז דאָ צווישן די אינזשענערן מיט אויסצייכענונגען, און פיל אידן צווישן די אַרבעטער. דער רעדאַקטאָר פון דער זאַוואָד־צייטונג איז אַ איד, באָרים העימאַן.

אין אָדעס, אויף דעם זייער וויכטיגן זאַוואָד פון ראַדיאָ־באַוועגלעכע סטאַנאָק'ן (דריי־בענק, „לעיטה'ס") האָב איך אויף אַ צוזאַמענקונפט פונעם דירעקטאָר מיט זיינע הויפּט־מיטהעלפער אַ פרעג געטאָן צי עס זיינען דאָ אידן. דער ענטפער איז געווען — אַ גרויס געלעכטער. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מערהייט פאַרזאַמלטע זיינען געווען אידן — מענטשן מיט אויסצייכענונגען, אָנפירער פון דער פּראָדוקציע, פון טרעיד־יוניאָן־קאָמיטעט, פּאַרטיי־קאָמיטעט. אַרומגייענדיג איבערן זאַוואָד האָב איך ביי די וואַרשטאַטן געטראָפן אַרבעטער, מיט וועמען איך האָב גערעדט אויף אידיש און וועלכע זיינען געווען לייענער פונ'ם זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד".

ווען איך בין געווען ביים וויצע־פּרעמיער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, בנימין דימשיץ, האָט ער מיר געגעבן אַ נומער פון דער צייטונג „אוראַלסקי ראַבאָטשי", מיט צוויי גרויסע פאָטאָגראַפיעס אויף דער ערשטער זייט — פון צוויי אינדוסטריע־אָנפירער, וואָס האָבן געקראָגן לענין־אָרדנס פאַר זייער ראָל אין די אוראַלער אינדוסטריעז. דער נאָמען פון איינעם איז אַ גאַנץ טשיקאַווער: סאָלאָמאָן אבי־שואל'עוויטש שאיקעוויטש. אָט אַ אידיש־אידישער נאָמען, וועלכער איז ניט געביטן געוואָרן! דער נאָמען פון דעם אַנדערן — זלמן אבעלעוויטש סאָמינסקי — איז אויך אַ גאַנץ אידישלעכער.

ב. דימשיץ האָט מיר געגעבן אַ לאַנגן צעטל פון אידן, וואָס פירן אָן מיט דער בויאונג, מיט דערווירטשאַפט און איך וועל פון דאָרט אַרויסנעמען עטלעכע: אַראָן מאַרקאָוויטש גינדין, הויפּט פון דער בויאונג פון דער גרעסטער עלעקטראָ־הידראָ־סטאַנציע אין דער וועלט, אין בראַטסק; אַ באַרימטער בויער מאָיסעי גריגאָריעוויטש באָס, וועלכער האָט געקראָגן די לענין־פּרעמיע; אַ גרויסער אינזשענער־בויער און ווירטשאַפטלער סעמיאָן זאַכאַרעוויטש גינזבורג, איצט דער פאָרזיצער פון דער פאַרוואַלטונג פון „סטראָיבאַנק"; נאָך איינער מיט אַ טשיקאַוון עכט־אידישן נאָמען — לעווי בענציאָנאָוויטש אַלטער, דאָקטאָר פון עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן, פאַרטרע־

טער פונעם דירעקטאָר פונעם וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישן אינסטיטוט אין מאָסקווע.

אידן מיט אוניווערזיטעט־בילדונג: געלערנטע

וויצע־פּרעמיער ב. דימשיץ — וועלכער האָט אַגב אַליין צווי לענין־אָרדנס — האָט מיר געגעבן ציפערן וועגן סאָוועטישע בירגער מיט מיטעלער און העכערער בילדונג. ווייזט זיך אַרויס, אַז בשעת צווישן רוסן מאַכן אַזעלכע אויס קאַרגע אַכט (7.6) פּראָצענט פון דער רוסישער באַפעלקערונג און צווישן אוקראַינער דריי און אַ האַלב (3.5) פּראָצענט פון אַלע אוקראַינער אין לאַנד, מאַכט די צאָל מענטשן מיט מיטעלער און הויכער בילדונג צווישן אידן אויס קאַרגע ניינצן (18.8) פּראָצענט פון דער אידישער באַפעלקערונג אין לאַנד. און די ציפערן זיינען אַזעלכע: 310,600 אידן מיט הויכער בילדונג און קאַרגע 147 טויזנט מיט מיטעלער ספּעציאַליטעט־בילדונג.

צווישן סאָוועטישע וויסנשאַפטלער, ווי באַקאַנט, זיינען אידן אויפן דריטן אָרט, נאָך די רוסן און אוקראַינער, כאָטש די אידישע באַפעלקערונג איז לויט איר צאָל אויפ׳ן עלפטן (11־טן) אָרט צווישן די סאָוועטישע פעלקער.

זאָלן די עטלעכע ציפערן ענטפערן אויף דער פראַגע, צי אידן ווערן באַ־גרענעצט ביים אַריינגיין אין די אוניווערזיטעטן. דאָ רעדט זיך וועגן דער פראַגע בכלל און עס רעדט זיך ניט וועגן איינצלנע פאַלן, וואָס קאָנען באַ־געגנט ווערן (זע וויטער, ביים ענין אַנטיסעמיטיזם). איך בין צוליב דער פראַגע ספּעציעל געווען אין מיניסטעריום פאַר העכערער בילדונג און וועל שרייבן וועגן דעם גענויער אין דער „מאָרגן־פרייהייט״, פּונקט ווי איך וועל שרייבן באַזונדער וועגן מיינע שמועסן מיט׳ן וויצע־פּרעמיער ב. דימשיץ, מיט׳ן גענעראַל־פּאָלקאָווניק צירלין און אַנדערע. אָבער, ווי זאָגט אַן אַמערי־קאַניש ווערטל: „דהי פּרוף אָוו דהי פּודינג איז אין דהי איטינג״. די פּראָבע פונ׳ם פּודינג איז ביים עסן. אויב עס זיינען דאָ אַזויפיל אידישע אינזשע־נערן, דאָקטוירים, געלערנטע, איז דאָך קלאָר, אַז זיי האָבן געמוזט גיין אין אוניווערזיטעט!

אַגב, וואו אַ אידיש הויז, וואָס איך האָב באַזוכט, האָב איך געטראָפן אַ אינזשענער, אַ דאָקטאָר און אַזוי וויטער. ווען איך האָב אין מאָסקווע גע־שמועסט מיט הויכע באַאַמטע פון דער סאָוועטישער פּראָקוראַטור האָבן זיי מיר אָנגעגעבן אַ ציפער וועגן אידישע אַדוואָקאַטן אין מאָסקווע, וואָס איך האָב זיך ניט געאיילט צו מעלדן וועגן איר אין מיינע קעיבלס פון מאָסקווע צו דער „מאָרגן־פרייהייט״: זעקס און פערציג (46) פּראָצענט פון אַלע מאָס־קווער אַדוואָקאַטן זיינען אידן! איך קאָן ניט זאָגן, אַז איך בין געווען צו־פרידן פון דער ציפער, צוליב אַ ריי טעמים. אָבער אַדוואָקאַטן גראַדואירן דאָך פון אוניווערזיטעטן!

איך דאַרף דאָ ניט אַריינגיין אין איינצלהייטן וועגן דעם זייער אַנגעזעענעם אָרט, וואָס אידן פאַרנעמען אין דער ליטעראַטור, אין דער קונסט. איך וועל צו דעם אויך קומען באַזונדער אין מיינע אַרטיקלען. אָבער ווען מען נעמט אין אַכט דאָס אָרט וואָס אידן פאַרנעמען אין דער מלוכה — און ב. דימשיץ איז ניט דער איינציקער — אין דער אינדוסטריע, אין דער אַרמיי, אין דער וויסנשאַפט, אין דער קונסט — ווי קוקט אויס, אין ליכט דערפון, דער גע־שריי „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם"? איז פאַראַן וועלכע עס איז מאָראַ־לישע באַרעכטיקונג פאַר דעם געשריי? איז דען דער דאָזיגער געשריי ניט אַ פאַרברעכן געגן דער מאָראַל? אַט אַזוי באַציט מען זיך צו אַ לאַנד וואו אידן האָבן ברייטע מעגלעכקייטן, פאַרנעמען זיך מיט באַשעפטיגונגען, וועגן וועלכע אידן האָבן פריער ניט געוואוסט, — ווי למשל דער קאַפּיטאַן פון אַ גרויסער שיף אין ריגער האַפן, גענאַדי אַבראַמאָוויטש גאָנדעלמאַן, מיט וועמען איך האָב געהאַט אַ שמועס, אָדער דערמאָנטער בויער פון עלעק־טראָ־סטאַנציעס, אַראָן גינדין?

דער פילם „דהי פּראַיס אָוו סאַילענס"

איך פרעג דעם פילם־אַקטיאָר עדוואַרד דזש. ראָבינסאָן, וועמען איך האָב געזען און געהערט קלאָגן זונטאָג אָוונט, דעם 14־טן פעברואַר, אין דעם פילם „דהי פּראַיס אָוו סאַילענס", אויף טשאַנעל 5 אין ניו־יאָרק, אַז דאָס וואָרט „יעוורעי" (איד) אין דעם פּאַספּאָרט פון אַ אידן — און יעדער איינער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אין זיין פּאַספּאָרט פאַרשריבן לויט זיין נאַציאָנאַ־ליטעט, — אַז דאָס וואָרט „יעוורעי" פאַרמאַכט טיר און טויער פאַר אַ קאַ־ריערע. אָבער דאָס וואָרט „יעוורעי" איז דאָך דאָ אין די פּאַספּאָרטן פון וויצע־פּרעמיער דימשיץ; פון גענעראַל־פּאָלקאָווניק צירלין; פון דעם העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, גענעראַל וויינרוב; פון דעם עלעקטראָ־סטאַנציע בוי־ער גינדין; פון דעם אינדזשענער סאָלאָמאָן אַבי־שואל׳אָוויטש שאַיקע־וויטש, אָדער לעוו בענציאָנאָוויטש אַלטער, אָדער דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון צענטראַלן אָרגאַן „טיעסאַ" אין ווילנע, הענריך זימאַנאַס, אָדער דעם פאַקטישן רעדאַקטאָר פון „ניו טאַימס", לעוו סעדין, אָדער דעם בריקן־בויער פון אוק־ראַינע, באַרענבוים, אָדער דעם וויכטיקסטן אַרכיטעקט פון קיעוו, מילעצקי. אָדער פון אַ ריי אידן לאָקאָמאָטיוו־פירער אין אוקראַינע, וועלכע האָבן גע־קראָגן אויסצייכענונגען — און נאָך און נאָך אָן אַ צאָל?

וואָס אַזוינס האָט געגעבן אַ רעכט אַזאַ וויכטיגער, פאַראַנטוואָרטלעכער פּערזאָן, ווי דעם מיטגליד פון העכסטן געריכט אין לאַנד, אַרטור דזשעי. גאָלדבערג, צו זאָגן אין דעם זעלביגן פילם, אַז די סאָוועטן־רעגירונג פירט אַן אַנטיסעמיטישע פּאָליטיק? אַט דערפאַר פאַרנעמען אידן אַזעלכע וויכ־טיגע פּאָזיציעס?

און ווי אַזוי האָט סענאַטאָר דזשעיקאָב ק. דזשאַוויץ געקאָנט זאָגן,

אַנוויזנדיק אויף אַ פּעקל נומערן „פּראַוודאַ״ לעבן זיך, אַז דאָרט זיינען דאָ העצעס אויף אידן? אדרבה, זאָל ער געבן כאָטש איין ציטאַטע פון איין נו־מער „פּראַוודאַ״! איך קריג די „פּראַוודאַ״ אין רעדאַקציע „מאָרגן־פרייהייט״ יעדן טאָג אין משך פון יאָרן און איך האָב קיינמאָל ניט געזען דאָרט אַזאַ זאַך! אין די צוויי חדשים, וואָס איך בין געווען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד גע־דענק איך נאָר צוויי פאַלן, ווען די „פּראַוודאַ״ האָט דערמאָנט דעם נאָמען „איד״: איינמאָל ווען זי האָט, דעם 17טן דעצעמבער, אין אַ טעלעגראַמע פון ניו־יאָרק, איבערגעגעבן, אַז ראַבאַי יאָאַכים פּרינץ האָט אין שיקאַגאָ געהאַלטן אַ רעדע געגן דער שלוס־דאַטע און זי האָט אָנגעגעבן זיין טיטול: „פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער אידישן — יעווריסקאַוואַ — קאָנגרעס״. און נאָך איינמאָל, ווען זי האָט דעם 19טן דעצעמבער געדרוקט אַ טעלעגראַמע פון וויך, וועגן אַ פאַר׳משפּט׳ן אידן־מערדער. זאָל סענאַטאָר דזשאַוויץ אָנגעבן זיינע דאַטעס!

איך באַשולדיג ניט דעם ריכטער אַרטור גאָלדבערג און דעם סענאַטאָר דזשעיקאָב דזשאַוויץ, אַז זיי אַליין, פּערזענלעך, האָבן אויסגעטראַכט וואָס זיי האָבן געזאָגט. איך באַשולדיג אויך ניט דורכאויס עדוואַרד דזשי. ראָבינסאָן, כאָטש אַלס קאָמענטאַטאָר פון דעם פילם טראָגט ער אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם, וואָס ער זאָגט די גאַנצע צייט. איך באַשולדיג דער עיקר די סקריפּט־שרייבער פון דעם פילם, וועלכע האָבן אונטערגעטראָגן דעם פאַר־סמ׳טן מאַטעריאַל. און דאָ פרעג איך אַזעלכע פאַראַנטוואָרטלעכע קערפּער־שאַפטן, ווי די „סענטראַל קאָנפערענס אָוו ראַבאַיס״ און „יוניאָן אָוו אַמע־ריקען היברו קאָנגרעגעישאָנס״, וועלכע זיינען די „ספּאָנסאָרס״ פון דעם פילם: ווי אַזוי האָבן זיי געקאָנט — מילד גערעדט — זיין אַזוי אומפאַרזיכ־טיג און געבן זייערע נעמען און טיטלען פאַר דער שווינדלעכער פאַבריקאַ־ציע, וואָס דער פילם „דהי פּראַיס אָוו סאַילענס״ שטעלט מיט זיך פאַר?

וועגן באַבי יאַר

די סקריפּט־שרייבער האָבן אַריינגעלייגט עדוואַרד דזשי. ראָבינסאָנ׳ען אין מויל אַריין ווערטער, לויט וועלכע עס באַקומט זיך, אַז באַבי יאַר איז אַן אָרט, וואו מען וואַרפט מיסט. „באַבי יאַר איז נאַו עי גאַרבעידזש דאַמפּ״, האָט ער געזאָגט אין דעם פילם, — וועלכער איז צום ערשטן מאָל געוויזן געוואָרן אין ניו־יאָרק, אין זאַל פון האַנטער קאַלעדזש, דעם 28־טן אָקטאָ־בער 1964. איך בין געווען ביי באַבי יאַר דעם 12טן דעצעמבער 1964 און איך דערקלער, אַז די מעשה, אַז באַבי יאַר איז כלומרשט אַ מיסט־פּלאַץ אין אַ שווינדלעכע פאַבריקאַציע. עס איז ניט נאָר אַ פאַרברעכן פאַר־זיך אַליין צו פאַבריצירן אַזעלכע זאַכן, נאָר עס איז אויך קלאָר, אַז מיט גרויל־געשיכטעס פון דעם סאָרט פאַרצאַפּט מען דאָס בלוט פון מאַסן מענטשן אין

אַמעריקע, ווען מענטשן אייגענע עס זיינען אומגעקומען אין באַבי יאַר. און ווער קאָן עס בכלל פאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז אויף קברים פון די קדושים אין באַבי יאַר וואַרפט מען מיסט?!

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן, אַז אין „פאָרווערטס" פון 30־טן נאָוועמבער האָט מען אין אַן אַרטיקל אָנגעגעבן אַלערליי „איינצלהייטן" אין אַ געשיכטע, אַז אויף באַבי יאַר האָט מען אויסגעבויט נייע הייזער. דער שרייבער פון דער געשיכטע, ל. לענעמאַן, וועלכער זיצט אין פאַריז, האָט אפילו עדות געזאָגט, אַז געוויסע איינוואוינער אין קיעוו האָבן זיך אָפּגעזאָגט אַנצונעמען די נייע וואוינונגען, וואָס מ'האָט זיי געגעבן אויף באַבי יאַר...

דעם 12־טן דעצעמבער, ווי געזאָגט, בין איך געווען ביי באַבי יאַר און ווען איך האָב זיך אומגעקערט פון קיעוו קיין מאָסקווע האָב איך אין אַ קעיבל צו דער „מאָרגן־פרייהייט", געדרוקט דעם 21־טן דעצעמבער, אָפּגעלייקנט דעם בלבול. דער „פאָרווערטס" האָט נאָך אָבער דעם פאַקט ניט „אָנערקענט". אויף דער „פאָרווערטס"־ראַדיאָ, דאַבליו־אַי־ווי־די, האָט מען אין פעברואַר 1965 נאָך אַלץ דערציילט די מעשה — וועגן הייזער אויף באַבי יאַר — און אין דעם פילם האָט מען נאָך אַלץ דערציילט די געשיכטע, אַז אויף באַבי יאַר וואַרפט מען מיסט...

עס איז אַן אַנדער פראַגע — אַ דענקמאָל אויף באַבי יאַר. דאָס איז נאָך ניטאָ און דאָס דאַרף זיין. איך האָב עס געזאָגט דעם וויצע־פּרעמיער אין קיעוו. ווען אין דעם פילם וואָלט מען נאָר אויף דעם אָנגעוויזן, אָדער אַז רעליגיעזע אידן באַגעגענען נאָך געוויסע באַגרענעצונגען, אָדער אַז די אידישע קולטור איז נאָך אינגאַנצן צוריק ניט אויפגעשטעלט געוואָרן, וואָלט עס געווען אמת, — אָבער דערביי וואָלט מען אויך געדאַרפט אָנווייזן אויף די דערגרייכונגען אויפן געביט פון דער אידישער קולטור.

עס איז דאָ אַ אידיש ווערטל: אַ האַלבער אמת איז אַ גאַנצער ליגן. און דער גאַנצער פילם איז איין בילד פון גרויל און שרעק פאַר סאָוועטישע אידן (דאָס אָרט דערלויבט מיר ניט אַריינצוגיין דאָ אין אַנדערע גרויל־פאַבריקאַציעס). די וואָס זעען און הערן אַזאַ פילם מוזן זיך זאָגן: מיט אַזאַ לאַנד ווי סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָן ניט זיין קיין קאָ־עקזיסטענץ, קאָן ניט זיין קיין שלום. און אָט אַזאַ אויספיר קאָנען מאַכן אַ סך, וועלכע זיינען באַאיינפלוסט פון דער פּראָפּאַגאַנדע אונטערן לאָזונג „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם". פרעגט זיך: איז דאָס גוט פאַר אַמעריקע, פאַרן אידישן פאָלק, ווען די זאַך פון שלום און קאָ־עקזיסטענץ ווערט אונטערגעגראָבן?

אַנטיסעמיטישע רעשטלעך

וואָס־זשע הייסט עס, אַלץ איז אין אָרדענונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד: ניין. עס זיינען נאָך דאָ אַ ריי ניט־געלייזטע פּראָבלעמען — און אויף עטלעכע

האָבן מיר נאָר־וואָס אָנגעוויזן. און עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע רעשטלעך. אידן זעט מען נאָך ניט אויפֿן דיפּלאָמאַטישן געביט — און דאָס איז אַ רעשטל פֿון דעם פּעריאָד פֿון סטאַלין־קולט, וואָס דאַרף נאָך באַזייטיגט ווערן. ווייטער: אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, אַ גרויס לאַנד פֿון 230 מיליאָן מענטשן, ווערן יעדן טאָג גע׳משפּט מענטשן פֿאַר קרימינעלע פֿאַרברעכנס, קלענערע און גרעסערע. אויף מיין באַראַטונג מיט די פּראָקוראָרן האָבן זיי מיר געגעבן זייער אינטערעסאַנטע ציפֿערן וועגן דער כסדר׳דיקער פֿאַרקלענערונג אין פֿאַרברעכנס, — איך וועל שרייבן וועגן דעם. אָבער צווישן די נעגאַטיווע עלעמענטן, רעשטלעך פֿון אַמאָל, זייענען געוויס דאָ פֿאַרברעכער, וואָס זיינען געכאַפּט אויף אַנטיסעמיטיזם, — רעשטלעך ניט נאָר פֿון די צאַרישע צייטן, נאָר דער עיקר פֿון די צייטן פֿון דער נאַצישער אָקופּאַציע און פֿונ׳ם סטאַלין־קולט. מ׳דאַרף אויך געדענקען, אַז מערב־אוקראַינע און מערב ווייסרוסלאַנד האָבן זיך ביז 1940 געפֿונען אונטער דעם פּילסודסקי־רעזשים און דערנאָך אונטער נאַצישער אָקופּאַציע. געגן די אַנטיסעמיטישע רעשטלעך דאַרף געפֿירט ווערן אַן אָפֿענער קאַמף — ווי אַ טייל פֿונ׳ם קאַמף געגן קרימינאַלן, ווי אַ טייל פֿון דעם קאַמף געגן נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם. אויב צוריק איינפֿירן לעניג׳ס צוגאַנג — און וועגן דעם רעדט מען אַ סך אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד, מוז געטאָן ווערן ווי לעניג האָט געטאָן.

עס איז אמת, אַז איך פּערזענלעך האָב קיין אַנטיסעמיטישע פֿאַלן ניט באַגעגנט, קיין אַנטיסעמיטישע ליטעראַטור — ווי ביי אונז אין אַמעריקע, לײדער — ניט געזען און קיין באַנדיטן מיט סוואַסטיקאַס אויף די אָרעמס אַוודאי ניט. אָבער איך האָב גערעדט מיט אַ סך מענטשן, און פֿיל פֿון זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז צווישן דער באַפֿעלקערונג שטויסט מען זיך נאָך דאָ און דאָרט אָן אויף אַן אַנטיסעמיט, אָדער אַנטיסעמיטישער שטימונג. און אַט רייסט זיך דורך אַ קיטשקאָ בוך, אַ מאַיאַצקי־ביכל, אָדער אַן אַנדער ביכל, אָדער בוך, פֿון דעם סאָרט.

מיין באַזוך אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד האָט מיך טיף איבערצייגט, ווי ריכטיג ס׳איז געווען די מיינונג, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דעם עדיטאָריעל פֿונ׳ם היגן מאַרקסיסטישן זשורנאַל „פּאָליטיקל אַפֿעירס״ (לעצטן יוני) — אַז עס איז נויטיג אַ קאַמף געגן די אַנטיסעמיטישע רעשטלעך. אין דעם עדיטאָריעל האָט זיך אויך גערעדט וועגן דער שלעכטער און שעדלעכער אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע און וועגן אָפּשאַפֿן אַלערליי שטערונגען פֿאַר רעליגיעזע מענטשן, דירעקטע אָדער אינדירעקטע, ביים פּראַקטיצירן זייער רעליגיע. דאָס זיינען ערנסטע זאַכן, וואָס טאָרן ניט פֿאַרווישט ווערן. אָבער אַ שלעכטן און שעדלעכן צוגאַנג צו אַנטי־רעליגיעזער פּראָפּאַגאַנדע קאָנען אויך אידן האָבן, ווי עס קאָנען זיך אויך געפֿינען אידישע אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן אַ פֿאַלשן צוגאַנג צו אידישער קולטור (מיר האָבן אין אַמעריקע אויך אַזעלכע — און ציוניסטישע פֿירער זיינען אויך דאָ, וואָס זיינען געגן אידיש).

מיט אַנטיסעמיטיזם האָט דאָס ניט צוטאָן! נאָכאַמאָל און ווידעראַמאָל: דער געשריי „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם“ איז ניט נאָר אַ בלבול, נאָר אַ פּאַרברעכן געגן אַמעריקע, געגן אידישן פאָלק, ווי מיר האָבן נאָר־וואָס אָנגעוויזן.

דער קיטשקאָ־בוך

אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם ענין קיטשקאָ — און דאָס וועט אילוסטרירן וואָס מיר האָבן נאָר־וואָס געזאָגט. איינער פון מיינע צילן ביים פאָרן קיין קיעוו איז געווען — אַריינגיין אין דער אוקראַיִנער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע, וועלכע האָט דעם קיטשקאָ־בוך אַרויסגעגעבן. אַ פּאָר שעה האָב איך פאַרבראַכט אין דעם קאַבינעט פון דעם פּראָפעסאָר וויקטאָר גוטיר, וויצע־פּרעזידענט פון דער אַקאַדעמיע (דער פּרעזידענט איז געווען אויף אַ באַזוך אין יאַפּאַן). ער האָט מיר באַקענט מיט דער ברייטער טעטיקייט פון דער דאָזיגער קערפּערשאַפט — גאָר אַ וויכטיגע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע אויף אַ וועלטמאַסשטאַב. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף דער גרויסער צאָל אידן, וויסנשאַפטלייט — מיטאַרבעטער, אָנפירער פון אַ ריי אינסטיטוטן פון דער אַקאַדעמיע. צווישן די אַלע פאַרוויקלטע טעטיקייטן אירע פאַרנעמט אויך אַ געוויס אָרט אַ פאַרלאַג פאַר פּאָפּולערע ביכער און בראָשורן. אָט דער פאַרלאַג האָט עס אַרויסגעגעבן דאָס קיטשקאָ־בוך. ווען מ׳האָט געפרעגט דעם רעדאַקטאָר פון׳ם פאַרלאַג, פאַרוואָס ער האָט דאָס בוך אַרויסגעגעבן, האָט ער אָנגעוויזן אויף דער פאָררעדע פון די צוויי „עקספּערטן“ וואָס האָבן דאָס בוך רעקאָמענדירט. איך האָב געוואוסט, אַז איינער פון זיי, פּלאָטקין, איז אַ איד. ווייזט זיך אַרויס, אַז דער אַנדערער, וועדענסקי, איז אויך אַ איד. אויב אַזוי, האָט דער רעדאַקטאָר געזאָגט, האָט ער דאָס בוך אפילו ניט געלייענט — אויב צוויי אידן האָבן געגעבן זייער הסכמה!

דער רעדאַקטאָר איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון זיין אַמט און קיטשקאָ ווערט באַטראַכט ממש ווי אַ קרעציגער, איז באַזייטיגט געוואָרן פון׳ם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אויך די צוויי אידן, מישטיינס געזאָגט, זיינען ערגעץ פאַרשוואונדן. אָבער דער פאַקט וואָס אידן זיינען דאָ די הויפּט־שולדיגע באַשטעטיגט אַ מיינונג, וואָס איך האָב אויסגעדריקט אין מיינע אַרטיקלען וועגן דעם קיטשקאָ־בוך אין דער „מאָרגן־פרייהייט“, מיט אַ קאַרגן יאָר צוריק, אין מערץ 1964 — אַז דער עיקר איז דאָ שולדיג דער אופן ווי אַזוי אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע ווערט געפירט און אפילו ווען די פאַרפאַסער זיינען אידן, וועלכע זיינען ניט אויסן צו פאַרנעמען זיך מיט אַנטיסעמיטיזם, קריגט אָבער די גראָבע און שעדלעכע אַנטי־רעליגיעזע פּראָפּאַגאַנדע אַן אַנטיסעמיטישן כאַראַקטער.

אגב, האָט מען אַמאָליגע יאָרן דאָ אין אַמעריקע, אין דער צייט פון די

יום כיפור בעלער, געפירט אומגעפער אזא פראפאגאנדע. און מיר אליין האבן אויך אונטערגעזינדיגט אויף דעם געביט אין די דרייסיגער יארן...

אידישע קולטור

איך האב דא אנגערירט א פאר וויכטיגע מאמענטן — וועלכע טארן, פארשטייט זיך, ניט פארשטעלן דאס גרויסע און פאזיטיווע, דעם אנטייל פון אידן אין דעם אלגעמיינעם לעבן, דאס אנגעזעענע ארט, וואס זיי פארנעמען אויף פיל געביטן. איך וועל איצט צוטרעטן צו דער פראגע פון דער אידישער קולטור און אנהויבן מיט א נעגאטיוון מאמענט.

וואס איז דא דער עיקר? דער עיקר איז וואס די אידישע קולטור דארף פולשטענדיג רעהאביליטירט ווערן! עס דארף זיין דער צוגאנג צו איר, ווי אין די דרייסיגער יארן. צי די פארמען דארפן אלע זיין ווי דעמאלט, איז אן אנדער זאך. געוויסע פארמען קאנען זיך ענדערן. למשל, ניט אין אלע שטעט, גלויב איך, זיינען מעגלעך זעלבשטענדיגע אידישע קינדער־שולן. קאן זיין, אז אין ווילנע, אדער קאוונע, אדער אן אנדער שטאט, וואו די מערהייט אידן האט אנגעגעבן אידיש ווי די מוטער־שפראך, איז דאס מעגלעך (אין קאוונע — 75 פראצענט פון די ארטיגע אידישע איינוואוינער, אין ווילנע — 70 פראצענט). אין אנדערע ערטער וועט אידיש דארפן זיין א טייל פון די לימודים אין שול, ווען אידישע עלטערן וועלן דאס פארלאנגען, אדער עס וועלן דארפן זיין צוגאב־שעה'ן פאר די קינדער פון אזעלכע עלטערן. וואס איז שייך דעם אידישן טעאטער, איז אויב ער קאן ניט שפילן יעדן טאג, זאל ער שפילן א פאר מאל אין וואך. נאר דאס זיינען אלץ פארמען וואס וועלן זיך דארפן אנטוויקלען אין פראצעס פון אנווענדן דעם געהעריגן, לענינשן, צוגאנג פון די דרייסיגער יארן. אט דאס, דער צוגאנג, איז דער עיקר! פולע, פרינציפיעלע רעהאביליטאציע פון דער אידישער קולטור, מיט מלוכה־טעאטערס, צייטונגען, פארלאגן, אוניווערזיטעט־קאטעדרעס פאר אידיש, מיט לערן־ביכער, אידישע געשיכטע־ביכער, געשיכטע פון אידן אין דער ארבעטער באוועגונג א. אז. וו. — פולע רעהאביליטאציע, אויפן באזיס פון גלייכהייט מיט אלע נאציאנאליטעטן.

האבנדיג דאס אינזינען, דארף איך אבער אונטערשטרייכן די גרויסע דערגרייכונגען, וואס איך האב איצט אנגעטראפן אין פארגלייך מיט זעקס יאר צוריק, ווען איך בין געווען אין סאוועטן־פארבאנד. איבערראשנדיגע, דערפרייענדיגע איבערלעבונגען האבן איך געהאט צוליב די דערגרייכונגען! ס'איז ניט נאר דער זשורנאל „סאוועטיש היימלאנד", כאטש דער זשורנאל איז זייער וויכטיג, איז א גלענצנדיגער זשורנאל, וואס דארף נאך מער געלייענט ווערן אויך דא. „סאוועטיש היימלאנד", וועלכער גייט שוין איצט ארויס יעדן חודש, איז געווארן א וועלט־אדרעס, איז געווארן א ברייטע אידישע קולטור־אינסטיטוציע. קודם, א פארלאג אין א געוויסן זין. איין אידישער

בוך — „אַזוי לעבן מיר“ — איז נאָר־וואָס אַרויס, שיין אַרויסגעגעבן. נאָך אַ בוך איז דערשינען — אַן אַנטאָלאָגיע פון פופציק היינטצייטיגע אידישע פּאָעטן. חוץ דעם וועלן היינטיגס יאָר דערשיינען נאָך זעקס אידישע ביכער — פון פּרץ מאַרקיש, עליע שעכטמאַן, נאָטע לוריע, יעקב שטערנבערג, משה טייף און נאָך אַ זאַמלבוך. ניט גענוג אין פאַרגלייך מיט אַמאָל, אָבער אַ גרויסער אָנהויב.

ווייטער. די אָנפירונג פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט געקראָגן אַ מתנה פון דער אוקראַאינער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע — דעם רוסיש־אידישן ווערטער־בוך, אויף וועלכן עס האָט געאַרבעט דער אַמאָליגער אידישער קאַבינעט ביי דער אַקאַדעמיע. דער ווערטערבוך ווערט איצט אין מאָסקווע דערגאַנצט מיט נאָך ווערטער און וועט דערשיינען.

ווען איך בין צונויפגעקומען מיטן הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ אהרן ווערגעליס, געוועזן ביי איליא ערענבורג'ן, האָט ער, ערענבורג, אונז אי־בערגעגעבן צוויי גרויסע פּאַרטפעלן בריוו, וואָס ער האָט אין דער מלחמה־צייט געקראָגן פון אידן, וועגן די גרויל־מעשים פון די נאַציס. די בריוו גע־פינען זיך איצט אין די סעיפס פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ און וועלן באַאַר־בעט ווערן.

אין דעצעמבער האָב איך געהאַט די גליקלעכע געלעגנהייט אָנטיילצו־נעמען אין מאָסקווע אין אַ באַראַטונג, וואָס „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט גע־רופן — פּאַקטיש אַ באַראַטונג פון אידישע קולטור־טוער פון גאַנצן לאַנד, כאָטש געהייסן האָט עס אַ קריטיקער־באַראַטונג. אַן אָפּטימיסטישע שטי־מונג האָט דאָ געהערשט. דער לייט־מאָטיוו איז געווען: מיר זיינען אין באַוועגונג, ווי ווערגעליס האָט געזאָגט, אָדער — „מיר זיינען אין אַ פּראָצעס פון באַנייאונג“, ווי דער קריטיקער משה נאָטאָוויטש האָט אויס־גערופן!

אין אָדעס און אין ווילנע

גאָר אַ וויכטיגע דערשיינונג זיינען די לייענער־פאַרזאַמלונגען, וואָס דער זשורנאַל רופט. אויף אַזאַ פאַרזאַמלונג, אין אָדעס, האָב איך געהאַט די זכיה צו זיין און צו איבערגעבן די פאַרזאַמלטע 6־5 הונדערט אָדעסער אידן אַ גרוס פון די אידן אין אַמעריקע. עס איז געווען גאָר רירנדיג צו זען מיט וועלכע אָוואַציעס דער עולם האָט אויפגענומען דעם גרוס און מיט וועלכע אָוואַציעס ס'איז אויפגענומען געוואָרן די נייעס, אַז דער זשורנאַל איז גע־וואָרן אַ מאָנאַטלעכער, אַז אידישע ביכער גייען אַרויס. אַזעלכע גרויסע אי־דישע מאַסן־פאַרזאַמלונגען זיינען שוין אָפּגעהאַלטן געוואָרן, חוץ אָדעס, אין מאָסקווע, קיעוו, ווילנע. נאָך פאַרזאַמלונגען ווערן איצט געפּלאַנעוועט אין לענינגראַד, קעשענאָוו, טשערנאָוויץ, ווידער אין מאָסקווע און אַנדערע שטעט.

זינט די דרייסיגער יאָרן זיינען אַזעלכע אידישע פאַרזאַמלונגען ניט פאָרגעקומען!

אגב, יענע מענטשן דאָ אין לאַנד, וואָס האָבן אַמאָל געהאַט אַנטוויקלט אַ טעאָריע, אַז די סאָוועטישע אידן זיינען שוין אַלע „אינטעגרירט" און ווילן גאָרניט אידישע קולטור, דאַרפן פון די פאַרזאַמלונגען עפּעס לערנען.

אין ווילנע בין איך געווען אויף איינעם פון די אידישע קאָנצערטן, וואָס קומען פאָר אין פיל שטעט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד אין אַ גרויסער צאָל. דער קאָנצערט איז געגעבן געוואָרן פון דער אידישער בינע־קינסטלערין סידי טאַל פון טשערנאָוויץ און איר אַנסאַמבל. טויזנט מענטשן זיינען געווען אויף דעם קאָנצערט, איינגעשלאָסן אַ סך יוגנט. צוויי מאָל אין דער זעלביגער וואָך איז דער ווילנער שטאָט־טעאַטער אַזוי איבערגעפּאַקט געוואָרן מיט טויזנט מענטשן יעדעס מאָל, כאָטש ווילנע האָט ניט מער ווי אַן ערך אַכצן טויזנט נפשות אַרום און אַרום.

ווי באַקאַנט, איז אָפיציעל אָנגעגעבן געוואָרן (פון דער „נאָוואָסטי" פּרעסע־אַגענטור און אַנדערע קוואַלן), אַז די אידישע קאָנצערטן זיינען אין 1963 באַזוכט געוואָרן פון אַרום 300 טויזנט צוהערער — באמת אַן אומגעהויערע פּראָפּאָרציע פון דער אידישער באַפעלקערונג (און עס איז קיין פראַגע ניט, אַז ניט־יידן, אויב זיי קומען בכלל צו אידישע קאָנצערטן, מאַכן דאָ אויס אַ מינימאַלע צאָל; אויפ'ן קאָנצערט אין ווילנע, וואו איך בין געווען, איז די באַזוכערשאַפט געווען דורכאויס אַ אידישע, אויף וויפיל דאָס אויג האָט געקאָנט אָפּשאַצן). עס איז קלאָר דעריבער, אַז די דאָזיגע פּראָפּאָרציאָנעל־גרויסע באַזוכערשאַפט שטעלט פאָר מיט זיך אַ מין אָפּשטימונג פון דער אידישער באַפעלקערונג פאַר אידיש טעאַטער, פאַר אידישער קולטור בכלל.

אַ הויך־אַנטוויקלטע אידישע טעאַטער־גרופּע (אָדער טרופּע) איז פאַראַן אין ווילנע, צווישן די אַמאַטאָרישע גרופּן ביי די פּראָפעסיאָנעלע פאַראייינען. זי האָט געשטעלט „פריילעכס", „בויטרע גזלן" (קולבאַק), „גרינע פעלדער" (הירשביין), „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" (גערשענזאָן), האָט געגרייט אַ פּרץ־פּראָגראַם צום 50טן פּרץ־יאָרצייט אין אַפּריל (1965). זי פאָרט געבן טעאַטער־פאָרשטעלונגען אין קאָוונע און אַנדערע שטעט.

אונטער דער אויפזיכט פון דער אָנפירונג פון דער טעאַטער־גרופּע געפינען זיך אַ אידישער כאָר, אַ טאַנץ־גרופּע און מאַנדאָלין־אָרקעסטער, וועלכע טרעטן אַלע אָפט אויף צוזאַמען (געטאָ־אָנדענק פאַרזאַמלונגען, דער געפּלאַנעוועטער פּרץ־יאָרצייט). ביי אונזערער אַ באַגעגעניש אין ווילנע, מיט טיילן פון די אַלע גרופּן, זיינען געגעבן געוואָרן עטלעכע סצענעס פון „הערשעלע אָסטראָפּאָליער" און ס'איז געווען געזאַנג פון אידישע לידער, סאָלאָ און מאַסן־געזאַנג.

וויניג שטעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרמאָגן אַזוינס, וואָס ווילנע פאַר־

מאַגט אין פּרט פון אידישער קולטור־אַרבעט. אין קאָוונע, האָט מען מיר איבערגעגעבן, איז אויך דאָ אַ אידישע דראַם־גרופּע און אַ כאָר — אויף אַ קליינעם מאַסשטאַב, ווייל די גאַנצע אידישע באַפעלקערונג מאַכט דאָרט אויס אַרום פינף טויזנט נפשות. אין לענינגראַד — ווי באַריכטן האָבן איבערגעגעבן — איז דאָ אַן אַמאַטאָרישער אידישער קולטור־אַנסאַמבל. חוץ די פּראָפעסיאָנעלע קאָנצערט־אַנסאַמבלען, אָדער פּראָפעסיאָנעלע זינגער, קאָן איצט ניט גערעדט ווערן וועגן וועלכער עס איז מאַסנהאַפטער אידישער קול־טור־אַרבעט. ניט געקוקט אויף דעם, אָבער, נעמענדיג אין אַכט דאָס אויבן געזאָגטע — וועגן די מאַסן־פאַרזאַמלונגען פון די לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד", וועגן דער קריטיקער־באַראַטונג, וועגן דער ראָל פון „סאָוועטיש היימלאַנד" בכלל, האָב איך געטראָפן אַ שטימונג, וואָס באַרעכטיגט די באַצייכענונג, וואָס זי האָט געקראָגן ביי דער קריטיקער־באַראַטונג — פון „אויפשטייג", „באַוועגונג", „באַנייאונג". און אַזוי ווי אין סאָוועטן־פאַר־באַנד, ווי איך האָב פריער געזאָגט, רעדט מען און מען שרייבט אַ סך וועגן אָפּהיטן די לענינשע איינשטעלונגען, דאַרף מען דערוואַרטן, אַז בנוגע דער אידישער קולטור וועלן די איינשטעלונגען, וואָס ג׳כער אָנגעווענדט ווערן, דורך פולער רעהאַביליטאַציע פון דער דאָזיגער קולטור, לויט׳ן אַמאָליגן, לענינשן, צוגאַנג. אין יעדן פאַל איז קלאָר, אַז עס קאָן ניט גערעדט ווערן וועגן אומקערן זיך צו לענינ׳ס מעטאָדן — ניט אומקערנדיג זיך דערביי צו די מעטאָדן בנוגע דער אידישער קולטור!

די באַזייטיגונג פון כרושטשאָוו׳ן

און דאָס פירט צו דער אַלגעמיינער לאַגע אין סאָוועטישן לאַנד, וועלכע איז איצט אויך אין אַ געוויסן זין אין אַ פּראָצעס פון באַנייאונג — מיט דער פאַר־שטאַרקונג פון קאָלעקטיווער פירערשאַפט נאָך דער באַזייטיגונג פון כרו־שטשאָוו׳ן.

עס איז ניט מיין אויפגאַבע דאָ צו געבן אַן אָפּשאַצונג פון דעם כרושטשאָוו־פּעריאָד, אָבער ס׳איז קלאָר, אַז דער פּעריאָד האָט געהאַט אייניגע פּאָזי־טיווע הויך־מאָמענטן: דאָס אויפדעקן די פאַרברעכנס פון דער סטאַלין־בעריאַ צייט, איינשטעלן סאָציאַליסטישע געזעצלעכקייט, רעהאַביליטירן מאַסן מענטשן, איינגעשלאָסן אידישע שרייבער, שטאַרקן דעם קאַמף פאַר שלום און קאָ־עקזיסטענץ. אָבער ווייט ניט אַלע סטאַלין־רעשטלעך זיינען אָפּגעראַמט געוואָרן און אין 1960, אומגעפער — ווי ס׳איז אויסגעקומען צו הערן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — האָט זיך אַלץ מער אָנגעהויבן אַרויסרוקן כרושטשאָווס פּערזענלעכער סטיל פון אַרבעט — שטעלן אויף זיך, האַנדלען אימפּולסיוו, ניט מישב זיין זיך וועגן אַלע וויכטיגע זאַכן מיט׳ן פּרעזידיום. און דאָס וואָס כרושטשאָוו האָט פאַרנומען ביידע וויכטיגסטע אַמטן, פון׳ם ערשטן סעקרע־

טאָר פון דער פּאַרטיי און פונ׳ם פּרעמיער, האָט אַפּנים ערגער געמאַכט די לאַגע.

לאָמיר דאָ אונטערשטרייכן — אפשר ווייסט מען שוין דאָ וועגן דעם — אַז אויף וויפיל איך האָב געהערט אין מאָסקווע איז דער פּרעזידיום פון דער פּאַרטיי געווען געגן כרושטשאָוו׳ס „אויפטו״ צו געבן נאָסער׳ן — דעם עגיפּ־טישן פּרעזידענט — דעם טיטול העלד פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. כרושטשאָוו האָט דעם צוזאָג געמאַכט עפּנטלעך, אָן דעם ווילן פון פּרעזידיום. דאָס האָט אַרויסגערופן אומצופרידנקייט.

צוזאַמען מיט דעם אַלעם האָבן כרושטשאָוו׳ס אימפּולסיווע איינפירונ־גען, ענדערונגען אין דעם אַפּאַראַט פון דער פּאַרטיי אויף די ערטער (דאָס שפּאַלטן דעם אַפּאַראַט אויף אָן אינדוסטריעלן באַזונדער און אַגריקולטורעלן באַזונדער), ענדערונגען אין דער אַדמיניסטראַציע, געשאַפן אומצופרידנקייט, געשטערט די אַנטוויקלונג סיי פון דער אינדוסטריע, סיי פון דער אַגריקולטור.

דער פאַקט וואָס די באַזייטיגונג פון כרושטשאָוו׳ן איז פאָרגעקומען, אָן צערודערונג אין לאַנד — אויב אפילו זי איז געמאַכט געוואָרן ניט אויפן בעסטן שטייגער — באַווייזט, אַז עס איז ניט געווען קיין כרושטשאָוו־קולט, וואָס האָט געהאַט וועלכע עס איז ענלעכקייט צום סטאַלין־קולט. די לעגאַלע געזעצלעכקייט איז ניט פאַרלעצט געוואָרן. דער פאַקט וואָס די באַזייטיגונג איז פאָרגעקומען אָן צערודערונג איז אָן אויסדרוק פון אָן אַנדער צייט — פון אַ צייט, וואָס אויך כרושטשאָוו, קאָן מען זאָגן, האָט געהאָלפן צוגרייטן.

דאָס איינציילן די צוויי וויכטיגסטע אַמטן, פונ׳ם ערשטן סעקרעטאַר און פונ׳ם פּרעמיער צווישן צוויי באַזונדערע פּערזאָנען, דער פאַקט וואָס קאָלעק־טיווע פירערשאַפט, וועלכע האָט די לעצטע צייט אַפּנים ניט עקזיסטירט אין דער בעסטער פאָרם, איז ווידער איינגעפירט געוואָרן, האָט געשאַפן אָן אַט־מאָספערע אין לאַנד פון מער זיכערקייט, פון פרייערן אויסדרוק, פון מער פלאַנמעסיגקייט. דאָס וואָס טראַפּים ליסענקאָ און מעגלעך אַנדערע מיט אים זיינען באַזייטיגט געוואָרן, איז אַ געוויסער אויסדרוק פון אָפּראַמען די סטאַלין־רעשטלעך, וועלכע זיינען נאָך, ווי פריער אַנגעוויזן, ווען מיר האָבן גערעדט וועגן אידישע און אַנדערע פּראָבלעמען, ווייט נאָך אינגאַנצן ניט אָפּ־געראַמט געוואָרן.

דער ליבערמאַן-פּלאַן אין דער אינדוסטריע

און דאָ קומען מיר צו אָן אַנדער ענין. דער סאָוועטן־פאַרבאַנד שטייט איצט פאַר וויכטיגע ענדערונגען אין דער אָנפירונג פון דער ווירט־שאַפט. עס שטייט די דרינגענדיגע אויפגאַבע צו הויבן די קוואַליטעט פון פּראָדוקטן — ניט נאָר די קוואַנטיטעט — און ענדגילטיג לייזן די פּראָבלעם פון דער אַגריקולטור. און עס איז אפשר קיין צופאַל ניט, וואָס איינער פון

די באַדייטנדיגסטע עקאָנאָמיסטן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַלעקסעי נ. קאָסיגין, פאַרנעמט איצט דעם פרעמיער־אַמט.

אין 400 אונטערנעמונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז מען שוין צוגעטראָטן איינצופירן דעם אַזוי־גערופענעם „ליבערמאַן־פּלאַן". דאָס איז אַ פּלאַן, אין קורצע שטריכן (און איך פרעטענדיר ניט צו זיין אַן עקאָנאָמיסט) צו פאַר־בינדן די פּראָדוקציע מיטן מאַרק, מיטן קאָנסומער; צו באַלוינען פאַבריקן מיט עקסטראַ באָנוסן ניט אַזוי פאַר קוואַנטיטעט — פאַר דעם אוודאי אויך — ווי פאַר קוואַליטעט. עס ווערט פאַרמילדערט דער שטייפער צענטראַ־ליזם, וועלכער האָט געהאַמעוועט די איניציאַטיווע לויט לאָקאַלע באַדינגונגען און אויף די איינצלנע פאַבריקן. דער דאָזיגער צענטראַליזם, וועלכער איז אַפּנים נויטיג געווען מיט יאָרן צוריק, איז אָבער אָנגעהאַלטן געוואָרן פונ׳ם „קולט", ווען די פאָרם האָט שוין געהאַט אָפּגעלעבט. דער פאַקט וואָס די פּראָדוקציע איז געווען אָפּגעריסן פונ׳ם מאַרק, פונ׳ם האַנדל — אַ זאַך וואָס האָט אַפּנים געשטאַמט פון די נעפּ־צייטן, ווען דער האַנדל איז געווען אַ קאַפּיטאַליסטישער און די פּראָדוקציע אַ סאָציאַליסטישע, — און האָט אויך געשטאַמט פון די צייטן ווען דער מאַנגל איז געווען גרויס און דער קאָנסו־מער האָט אַלץ „איינגעשלונגען" — אָט דער צושטאַנד האָט שוין אַפּנים מיט יאָרן צוריק, נאָך איידער יעווסעי ליבערמאַן איז אויפגעקומען מיט זיין פּלאַן, געהאַמעוועט די אַנטוויקלונג. איצט איז מען, ווי עס קוקט אויס, צוגעטראָטן אָפּצושאַפן אין דער אינדוסטריע און אין דער אַגריקולטור די פאָרמען, וועלכע האָבן די אַנטוויקלונג געשטערט, געהאַמעוועט סיי די קוואַנטיטעט און סיי די קוואַליטעט.

אגב, דער פאַקט וואָס דער נאָמען ליבערמאַן באַצייכנט דעם נייעם קער אין דער פּראָדוקציע זאָגט אונז אויך עפּעס וועגן דעם בלבול „סאָוועטישער אַנטיסעמיטיזם".

נאָך איינע פון די הויפּט־אויפגאַבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז איצט — ווי עס ווערט אָנגעוויזן אין פאַרשיידענע אַרויסטרעטונגען — די פאַרשטאַר־קונג פון סאָציאַליסטישער דעמאָקראַטיע. און אָט דעם פּראָצעס באַ־געגנט מען איצט אויף אַ באַזוך אין סאָוועטן־לאַנד, — ווען מען רעדט מיט מענטשן, מיט דער יוגנט, ווען מען זעט ווי אַזוי עס ווערן אויפגענומען די אויסלענדישע בראָדקעסטס, וואָס מ׳קאָן איצט הערן און ווי מ׳דיסקוסירט וועגן זיי. איך געדענק נאָך גוט די איינדרוקן וואָס איך האָב געהאַט מיט זעקס יאָר צוריק, אין אָנהויב 1959, ווען די מורא פון די קולט־צייטן איז נאָך ווייט ניט געווען אָפּגעטאָן. אַ גרויסע ענדערונג האָב איך איצט געפונען אין דעם פּרט (כאָטש דאָס הייסט ניט, אַז פון אַלעמען האָט זיך שוין אָפּגעטאָן די מורא).

איך וועל דאָ איבערגעבן וועגן אַ קוריאָז אויף דעם געביט. מיינער אַן אַלטער באַקאַנטער אין מאָסקווע זאָגט מיר אויפן טעלעפאָן אַזוי: מיט זעקס יאָר צוריק האָט איר מיר געפרעגט אַ פראַגע, אויף וועלכער איך האָב אייך

ניט געענטפערט. איצט וועל איך קומען צו אייך און ענטפערן אויף דער פראַגע. איז דער פאַקט וואָס ער איז איצט געקומען, צו מיר אין האָטעל אַריין — בעת לעצטן מאָל האָט ער דאָס ניט געוואָלט טאָן — שוין אַן אויס־דרוק פון אַ נייער סיטואַציע. אָבער די מעשה וועגן ענטפערן מיר אויף אַ פראַגע וואָס איך האָב געפרעגט מיט זעקס יאָר צוריק, האָט מיר דערמאָנט אין יאָסל קאָטלער׳ס אַ מעשה וועגן יענעם בחור וואָס האָט געהאַט אַ „דעיט״. אַ „סווידאַניע״, מיט אַ מיידל אויף אַכט אַזייגער אין אָוונט און האָט פאַר־שפעטיגט אַביסל; ער איז געקומען 50 יאָר נאָך אַכט...

זעקס יאָר איז ווייניגער ווי 50, אָבער די מילן פון דער געשיכטע מאָלן אפּנים פּאַמעלעך. זעקס יאָר זיינען ביי זיי גאָרניט. זיי מאָלן אָבער זיכער און פעסט. דורך קוריאָזן און דורך ערנסטערע אַרויסטרעטונגען זעט איר, פילט איר, ווי די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטיע ווערט געשטאַרקט און ווי זי קומט צום אויסדרוק דורך העכערע שטופן פון עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן.

„שווייגט ניט״, „פאַרשווייגט ניט״

גייט אַרויס אויף אַ שפּאַציר אויף דער גאָרקי־גאַס אין מאָסקווע, וואו איך בין אַזוי אָפט געווען, אָדער אויף לענין־פּראָספּעקט אין ווילנע, אָדער אויפן קיעווער קרעשטשאַטיק, אָדער אויף נעווסקי אין לענינגראַד; קומט אויף אַ ברעכט־פּיעסע אין טעאַטער, אָנגעפילט כמעט דורכאויס מיט יוגנט, קומט אין „הויז פון די ליטעראַטן״, אויפ׳ן באַבעל אָוונט און זעט און הערט די אָוואַ־ציעס פאַר ערענבורג׳ן, וועלכער איז אַרויסגעטראָטן מיט שאַרפע ווערטער: קומט אויף אַן אויפנאַמע פון שרייבער אין ריגע און הערט די אָפנהאַרציגע אַרויסטרעטונגען פון די אָנוועזנדיגע; קומט אויף דער באַראַטונג פון די אידישע שרייבער און קולטור־טוער אין „סאָוועטיש היימלאַנד״ און הערט וועגן די פאָדערונגען פאַר „נאָך אַ טריבונע״, חוץ דעם זשורנאַל; קומט אין אָדעס, אויף דער פאַרזאַמלונג פון אָדעסער אידן און הערט די אָוואַציעס ווען עס ווערן דערמאָנט די נעמען ביאַליק און מענדעלע, און הערט די פאָ־דערונגען פאַר אידישע לערן־ביכער — קומט צווישן פאָלק, פאָלגט נאָך די פּרעסע, וועט איר דערפילן ווי עס קלאַפּט אַ נייער פּולס, ווי די סאָציאַליס־טישע דעמאָקראַטיע שטאַרקט זיך. אויף מיר האָט געמאַכט אַן איינדרוק אַ בריוו פון אַ לענינגראַדער אַרבעטער, אויף דער ערשטער זייט פון דער „פּראַוודאַ״: דער אַרבעטער האָט קריטיקירט יענע אַרבעטער אויף דער פאַב־ריק וואָס רק זיי שווייגן, האָבן מורא צו קריטיקירן. שווייגט ניט און פאַר־שווייגט ניט, האָט דער אַרבעטער גערופן. און דער פאַקט וואָס די „פּראַוודאַ״ האָט דעם בריוו אָפּגעדרוקט אויף דער ערשטער זייט, זייער פּראָמינענט, איז פון גרויס באַטייט.

אגב, וואָלט איך פאַרגלייגט געוויסע איבערגעגעבענע פּריינט פון סאָ־

וועטן־פאַרבאַנד, דאָ, אין אַמעריקע, זיי זאָלן נעמען אין אַכט די ווערטער פון יענעם לעניגראַדער אַרבעטער. קריטיק, פריינטלעכע קריטיק, איז אַ וויכ־טיקע זאַך.

מען לייענט גוטע ליטעראַטור

נאָר מיר האָבן גערעדט וועגן אַ שפּאַציר איבער די הויפּט־גאַסן פון סאָ־וועטישע שטעט. אין מאָסקווע האָב איך באַזונדערס ליב געהאַט צו כאַפּן אַליין אַ שפּאַציר אויף „קוזנעצקי מאָסט", לעבן גאָרקי־גאַס, וואו די בוכהאַנד־לונגען זיינען קאָנצענטרירט. עס איז אַ חיות צו זען, ווי מען קויפט ביכער, אַ חיות צו זען די אויפשריפטן: קומט אָפּנעמען דעם 12טן באַנד דיקענס, לאָמיר זאָגן, אָדער אַזאַ און אַזאַ באַנד פון פּושקין, פויכטוואַנגער, סאַלטיקאָוו־שטשעדרין, ערענבורג, העמינגוועי, אַלעקסעי טאָלסטאָי און מאַלע ווער — ניט אויסצורעכענען! איבער דער גאָרקי גאַס און אַנדערע גאַסן פאַרקויפט מען אויף די טראָטואַרן ביכער — און אַלע מאָל פלעג איך זיך אָפּשטעלן און זען ווער וואָס עס קויפט.

ווען איך בין אָנגעקומען אין קיעוו האָב איך באַמערקט, ווי דער שאָפער אין אונזער מאַשין האַלט אַ בוך לעבן זיך. כ'האָב געכאַפּט אַ קוק אויפן בוך — ס'איז וועגן כעמיע און פון אַ פּראָפעסאָר מיט אַ טשיקאַווען נאָמען: איזראַעליט. פאַרנדיג פון אַדעס קיין מאָסקווע מיט דער באַן, האָב איך אין רעסטאָראַן־וואַגאָן באַמערקט ווי די קעלנערין לייענט אַ בוך. האָב איך אַ קוק געטאָן — אַן איבערזעצונג פון ערנסטער פראַנצויזישער ליטעראַטור.

לויט אַ סטאַטיסטיק פון דער אונעסקאָ קומט אויס אויף דער וועלט צוויי ביכער אויף אַ מענטשן אין דורכשניט, לויט דער צאָל אַרויסגעגעבענע בי־כער. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קומט אויס זעקס ביכער אויף אַ מענטשן. אין 1963 זיינען אין סאָוו. פאַרבאַנד אַרויס 77 טויזנט מיט 600 ביכער, אין אַ צאָל פון אַ ביליאָן מיט 262 מיליאָן עקזעמפּלאַרן! אַן אַסטראָנאָמישע ציפער — און זי וואַקסט כסדר. און ביכער צו ביכער זיינען ניט גלייך. אַ גע־וויסן סאָרט ביכער, וואָס ווערט פאַרקויפט אין די אַמעריקאַנער אַפּטייקן, די דראַג סטאָרס, אין די גלאַנציגע טאָוועלעך, וועט מען דאָרט ניט קריגן...

ביבליאָטעקן אין די פאַבריקן און זאַוואָדן זיינען שוין קיין נייעס ניט, אָבער פאָרט מוזט איר זיך אָלעמאָל וואונדערן, ווען איר זעט אַזאַ ביבליאָטעק. אין „דינאַמאָ" זאַוואָד אין מאָסקווע האָב איך געטראָפן אַ ביבליאָטעק פון 120 טויזנט ביכער — אַ העלפט דערפון טעכנישע ביכער — פאַר די אַר־בעטער. אין דער ביבליאָטעק פון דעם אָדעסער זאַוואָד, וואָס איך האָב באַ־זוכט, האָב איך געטראָפן אידישע ביכער. אין דעם ריגער זאַוואָד האָב איך געזען ווי אַזוי די ביכער ווערן געבראַכט צו די אַרבעטערביים וואַרשטאַט, צו פאַרשפּאָרן זיי גיין אין ביבליאָטעק, אויב זיי קאָנען ניט — אַבי זיי זאָלן לייענען. און די וואָס פאַרנעמען זיך מיט קולטור־אַרבעט צווישן די אַר־

בעטער אין דער פאַבריק, שאַפן דאָרט, אין דער פאַבריק, אַבאָנענטן פאַר די ליטעראַרישע זשורנאַלן, אָדער פאַר די ווערק פון די קלאַסיקער און אַנ־דערע שרייבער.

איך בין ניט מסכים מיט די וואָס זאָגן זיך אָפּ אַזוי גרינג, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זעט מען שוין דעם נייעם מענטשן, דעם מענטשן פון סאָציאַליזם! ניט ריכטיג! אַזעלכע טראַנספאָרמאַציעס, פון דעם אַלטן מענטשן צום נייעם, קומען אָפּנים ניט אָן גרינג. עס זיינען נאָך דאָ גענוג אַלטע געוואוינהייטן, מאַניערן, שוואַכקייטן, אַבערגלויבנס, רעשטלעך אַל־ערליי. אָבער דעם פּראָצעס פון צוגרייטן דעם נייעם מענטשן מוזט איר פילן. סיידן מ'זאָל אָננעמען, אַז ווען מענטשן לייענען גוטע ליטעראַטור האָט עס אויף קיינעם פון זיי קיין ווירקונג ניט, — אָדער אַז די אָפּוועזנקייט פון אַ געזעלשאַפט פון כאַפּ־לאַפּ האָט קיין באַטייט ניט.

אין פאַרבינדונג דערמיט דאַרף מען דערמאָנען די איבערזעצונגען פון אידיש. איך גיי דאָ ניט אַריין אין דעם ענין אידישע קולטור, כאָטש אי־דישע ליטעראַטור אויף אַנדערע שפּראַכן — אויך אויף ענגליש — איז בפירוש אידישע קולטור. אָבער ווען איר גיט אַ טראַכט, אַז פאַר די לעצטע צען יאָר זיינען אַרויס ביכער פון אידישע שרייבער אין אַרום 25 מיליאָן עקזעמפּלאַרן — ממש אַ פאַנטאַסטישע ציפער — מוזט איר באַגרייפן, וואָס דאָס באַטייט אויפן געביט פון פריינטשאַפט צווישן פעלקער, ווי אַזוי די ליידן און פריידן פון אידישן פאָלק ווערן געבראַכט צו אַנדערע פעלקער, דורך דער ליטעראַטור פון אידישן פאָלק.

די פּראָבלעם: אויטאָמאַציע

אויף איין פּונקט וועל איך זיך נאָך אָפּשטעלן, פאַרהאַלטנדיג זיך נאָך אויף אַ ווײַלע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ווען איך בין אַרומגעגאַנגען מיט'ן הויפּט־קאָנסטרוקטאָר, ראַבינאָוויטש, איבערן „דינאַמאָ" זאַוואָד אין מאָסקווע, האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף איין אַרבעטער, וואָס גיט אַכטונג אויף מאַשי־נען, וועלכע טוען אָפּ די אַרבעט וואָס צען אַרבעטער האָבן פריער אָפּגעטאָן. און אַזוי ווי איך האָב סיי־ווי אינזינען געהאַט דעם ענין אויטאָמאַציע, — אַז פאַרן אַמעריקאַנער אַרבעטער איז דאָס אַ קללה — האָב איך, קומענדיג צוריק אין דער ביוראָ פון דעם זאַוואָד, געשטעלט די פראַגע: אויטאָמאַציע. דאָס זעלביגע האָב איך געטאָן ביי מיינע אַנדערע באַזוכן אויף פאַבריקן און זאַוואָדן. און מ'האָט מיר אָנגעוויזן, וואָס פאַר אַ גליק אויטאָמאַציע איז, ווי דאָס פאַרגרעסערט די פּראָדוקציע — און ווי אַזוי די אַרבעטער אַליין זיי־נען פאַראינטערעסירט אין דעם. עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי אָפּזאָגן אַרבע־טער צוליב אויטאָמאַציע. אויב אַרבעטער ווערן איבעריג ביי איין אַרבעט — גיט מען זיי אַן אַנדער אַרבעט, — און אַרבעט איז דאָ גענוג. און אויב דער

אַרבעטער דאַרף זיך צולערנען ווי אַרומצוגיין אַרום די נייע מאַשינען — לערנט מען אים און מען צאָלט אים דערביי דעם זעלביקן לוין וואָס פריער. אויטאָמאַציע איז נויטיג ניט כדי פּטור צו ווערן פון אַרבעטער, נאָר כדי צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע. אין געוויסע פאַלן, האָט מען מיר אָנגעוויזן, ווערט איינגעפירט אויטאָמאַציע בלויז גרינגער צו מאַכן די אַרבעט, אפילו ווען דאָס פאַרגרעסערט ניט די פּראָדוקציע.

זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער פאַקט, אַז אַ העלפט פון אַלע אַר־בעטער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרמאָגן שוין מיטעלע און העכערע בילדונג, — אַן אומדערהערטע פּראָפּאָרציע, און דאָס פאַר אַ לאַנד, וואָס האָט „ערשט נעכטן" געהאַט אַ מערהייט אַנאַלפאַבעטן, וואָס האָבן ניט גע־קאָנט ניט לייענען און ניט שרייבן. און אַן אַרבעטער מיט בילדונג, ספּעציעל מיט הויכער בילדונג, איז גרינגער צוצופּאַסן זיך צו נייער טעכניק.

מען מעג דאָ אפשר באַמערקן, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פאַרמאָגט איצט אינזשענערן מיט הויך־בילדונג — אַ מיליאָן מיט 230 טויזנט, בשעת אַמעריקע פאַרמאָגט אומגעפער אַ העלפט דערפון — 650 טויזנט.

עס וואָלט מיר גענומען צופיל צייט צו שילדערן ווי אַזוי און וויפיל מען לערנט. אונטערשטרייכן דאַרף מען: אַלט און יונג לערנט.

איך וואָלט דאָ געדאַרפט נאָך אַריינגיין אין דער פראַגע פון פּענסיעס, פרייע מעדיצין, פרייע בילדונג, סטיפּענדיעס (סקאָלערשיפּס), וואַקאַציעס אין סאַנאַטאָריעס, און אַזוי ווייטער. דאָס זיינען ניט קיין נייע זאַכן, אָבער זיי זיינען דאָ און אויך דעם געביט קומען פאַמעלעך פאַר פאַרבעסערונגען. למשל, מעדיצין, וואָס איז זייער ביליג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, איז לעצטנס געוואָרן נאָך ביליגער. אין דעם נייעם בודזשעט, פון היינטיגן יאָר, געפינט זיך נאָך אַ גרעסערע סומע ווי פריער פאַר בילדונג און וויסנשאַפט. ס'איז קלאָר, אַז די אַלע פאַרבעסערונגען צוזאַמען זיינען אַ וויכטיגער צושטייער צום וואַקסנ־דיקן געפיל פון זיכערקייט צווישן די מאַסן, צו אַפּוועזנקייט פון זאָרג — אָדער ווייניגער זאָרג — פאַר'ן מאָרגנדיקן טאָג. זאָל שוין אויך באַמערקט ווערן, אַז דער דורכשניט פון'ם לעבנס־שפּאַן פון דעם מענטשן אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד איז פאַר די לעצטע זעקס יאָר אויסגעוואַקסן פון 68 ביז 70.

די וואוינונג־פראַגע

וואָס־זשע הייסט עס ווידער — אַלץ איז שוין געלייזט? בשום אופן ניט! איז ניטאָ קיין שום אומצופרידנקייט? הויבט זיך ניט אָן! מענטשן קוקן אויס בעסער, גייען אָנגעטאָן בעסער, עסן בעסער, אָבער מיט'ן עסן קומט דער אַפּעטיט. מען שטרעבט צו נאָך אַ העכערן סטאַנדאַרד. מען איז ניט צופרידן מיט דער קוואַליטעט פון אַרטיקלען. געוויסע פּראָדוקטן, קליידער ספּעציעל, זיינען נאָך אַלץ צו טייער. די „שער" צווישן קליינע פאַרדינער און

גרויסע פאַרדינער איז עטוואָס פאַרשמעלערט געוואָרן, אָבער איז נאָך אַלץ ברייט, דער אונטערשייד איז נאָך אַלץ צו גרויס. דער לעבנס־סטאַנדאַרד בכלל איז נאָך ניט געגוג הויך — כאָטש ער וואַקסט פּאַמעלעך.

עס איז נאָך אַלץ דאָ די זייער ערנסטע פראַגע: דירות. נאָך דעם שרעקלעכן חורבן, וואָס די צווייטע וועלט־מלחמה האָט איבערגעלאָזט אין לאַנד, און נאָך דעם צוריקשטויס פון דער ווירטשאַפט אין די יאָרן פון דעם קולט — און אין אַ צייט, ווען די שטאָט וואַקסט כסדר (מאָסקווע, למשל, וואָס האָט אין 1917 געהאַט עטוואָס איבער אַ מיליאָן איינוואוינער, האָט איצט אַרום 7 מיליאָן), נאָך דעם אַלעם איז קיין וואונדער ניט, וואָס אַסך מענטשן לעבן נאָך אין שלעכטע, ענגע דירות, — אין געוויסע פאַלן גאָר ענגע און שלעכטע. אָבער מען בויט, ווי באַקאַנט. פּונקט ווי דאָס איז געווען מיט זעקס יאָר צוריק, אַזוי איז איצט — אין אַ געוויסן זין נאָך מער — דער צייכן פון׳ם סאָוועטן־פאַרבאַנד — דער בוי־קראַן, דער וואַלד מיט קראַנען (קרעינס, דעריקס), וואָס מען זעט אין מאָסקווע און אומעטום וואו מען קומט אין סאָוועטישן לאַנד.

אין מאָסקווע איז גוט צו באַזוכן די געגנט פון דעם נייעם אוניווערזיטעט, וואו מען רייסט אַרונטער אַלטע חורבות און מען שטעלט נייע געביידעס פאַר וואוינונגען. דער קאָנטראַסט צווישן די צוויי סאָרטן דירות פון אַמאָל און היינט איז אַ געוואַלדיגער. אָבער מען וואוינט נאָך אין די אַלטע חורבות אויך.

פאַר די לעצטע זעקס יאָר האָבן זיך 75 מיליאָן מענטשן איבער׳ן גאַנצן לאַנד — אַ דריטל פון דער גאַנצער באַפעלקערונג — באַזעצט אין נייע דירות. אין די לעצטע צוויי יאָר איז דאָס בויען דירות געווען שוואַכער ווי פריער. איצט האָט זיך די בויאונג פאַרשטאַרקט. „נאָוואָסעליע" איז אַ גאַנגבאַר ווערטל אין מאָסקווע און אין אַנדערע שטעט. דאָס הייסט — חנוכת הבית, אַ שמחה ביים אַריינקלייבן זיך אין אַ נייער — באַשיידענער, דאַרף מען צו־געבן — דירה (און דאָס דירה־געלט, ווי באַקאַנט, איז שפּאָט נידעריג). אָבער וואָס מער מענטשן עס קלייבן זיך אַריין אין נייע דירות, אַלץ גרעסער ווערט די אומגעדולד פון די וואָס לעבן נאָך, אָדער מאַטערן זיך נאָך, אין אַלטע דירות. אַנדערע ווערן פשוט פאַרצווייפלט פון׳ם וואַרטן אויף אַ נייער דירה. איר טרעפט אָבער זעלטן אַזעלכע וואָס האָבן ניט די האָפענונג, די אויסזיכט, צו קריגן אַ נייע דירה. און מען מעג דאָ צוגעבן: עס איז ניטאָ אַזאַ זאַך ווי פערמאַנענטע סלאַמס, און נאָך אין אַ לאַנד — ביי אונז — וואָס איז רייך, האָט ניט געליטן פון מלחמה, נאָר געהאַט פּראָספּעריטי פון מלחמה.

ניט קיין אוטאָפּיע

די געוואַלדיגע בויאונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז, קאָן מען זאָגן, אַן איבער־ווערטירונג אין דער זאַך פון שלום. ווען מען גיט אָפּ אַלע כוחות אויף בויען — וויל מען ניט קיין מלחמה, ווייל מלחמה באַדייט חורבן, און ווייל באַ־

וואָפענונג באַדייט שניידן די אינוועסטירונגען אויף בויאונג. דער קאַמף פאַר שלום דריקט זיך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד אויס ניט נאָר אין לאָזונגען, אין ליטעראַטור, אין לידער און מאַסן־געזאַנג — וואָס דאָס איז זייער וויכטיג, פאַרשטייט זיך — נאָר אויך אין אַ כסדרדיגער פאַרקירצונג פון מיליטערישע בודזשעטן: אין 1963 — אַ פאַרקירצונג פון 600 מיליאָן רובל און אין 1964 — אַ פאַרקירצונג פון 550 מיליאָן רובל.

לאָמיר זאָגן כאָטש עטלעכע ווערטער וועגן דער גוואַלדיגער קאַמפּאַניע וואָס איז בעת מיין באַזוך און שפּעטער אָנגעפירט געוואָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און אין די אַנדערע סאָציאַליסטישע לענדער געגן דער שלוס־דאַטע פון באָן — אַז נאָכ׳ן 8טן מאַי זאָל מען, הייסט עס, מער ניט קאָנען משפּט׳ן קריגס־פאַרברעכער. פאַרשטייט זיך, אַז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד פירט דעם קאַמף געגן קריגס־פאַרברעכער, געגן פאַשיזם, געגן די רעוואַנשיסטן פון באָן צוליב זיינע אינטערעסן, ווייל יעדער סאָוועטישער בירגער פילט אין די ביינער די לעצטע מלחמה. אָבער ווען די אינטערעסן פון אַ לאַנד, פון אַ רעגירונג פון דעם לאַנד, זיינען באַזירט אויף קאַמף געגן פאַשיזם, געגן נעאָ־נאַציזם, געגן קריגס־פאַרברעכער, אידן־מערדער, שטימען די דאָזיגע אינטערעסן מיט די אינטערעסן פון אידישן פאָלק, פון אַמעריקע, פון דער וועלט.

איידער איך טרעט צו צו זאָגן וויפיל ניט איז וועגן אַנדערע לענדער וואָס איך האָב באַזוכט, וויל איך, אין לעצטן סך הכל, נאָכאַמאָל אונטערשטרייכן וואָס איך האָב געזאָגט צו סאַמע אָנהויב — און געזאָגט מיט זעקס יאָר צוריק: זאָל מען ניט טראַכטן וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד ווי וועגן אַ אוטאָפּיע, וואו אַלץ איז שוין געלייזט געוואָרן, וואו עס זיינען קיין פּראָבלעמען און שוועריגקייטן שוין ניטאָ. דאָס וועט ניט שטימען מיט דער ווירקלעכקייט און דאָס וועט ניט זיין קיין טובה פאַר׳ן סאָציאַליזם, אויב מ׳וועט זיך אַזוי איינרעדן, אָדער זיך לאָזן איינרעדן. עס זיינען נאָך פאַראַן שוועריגקייטן און פּראָבלעמען, — ווי עס זיינען פאַראַן געווינסן און דערגרייכונגען. מיר האָבן נאָך אַלץ פאַר זיך אַ פּראָצעס פון געראַנגל, געראַנגל מיט שווערע ירושות, מיט געוואוינהייטן, מיט פאַרלעצונגען, מיט טעות׳ן, און — געראַנגל מיט איינפלוסן און שטערונגען פון דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט. דער עיקר איז, ווידעראַמאָל, ווי אַזוי עס גייט דאָרט דער גאַנג פון דער געשיכטע — צי דער גאַנג גייט פאָראויס, פּטור צו ווערן פון דער געזעלשאַפט פון כאַפּ־לאַפּ, רויב און מלחמות. אויף דעם קאָן איך ענטפערן: מיט זיגזאַגן און צוריקטריט, גייט עס פאָראויס, דער פונדאַמענט פון סאָציאַליזם ווערט באַקרעפטיגט. מען לערנט פון טעות׳ן, אויב אפילו פאַמעלעך, אַמאָל צו פאַמעלעך. און אויף וויפיל דער פונדאַמענט פון סאָציאַליזם ווערט באַקרעפטיגט און אויף וויפיל עס ווערט געקעמפט געגן פאַשיזם, פאַר שלום, איז דאָס גוט אויך פאַר אונז, פאַר אידן, גוט פאַר אַמעריקע, גוט פאַר דער גאַנצער וועלט!

פון מאָסקווע קיין וואַרשע

דער וועג פון מאָסקווע צום שערעמעטיעוואָ לופט־פעלד, צו נעמען דעם עראָפּלאַן קיין וואַרשע, האָט געוויזן ווי די שטאָט מאָסקווע האָט זיך אויס־געשפּרייט, האָט איינגעשלונגען אַמאָליגע דערפער לעבן דער שטאָט. און איך האָב געזען אויפ׳ן שאָסעי, אויסער דער שטאָט, די שילדן, וואָס האָבן געטראָגן אויף זיך די ווערטער: „קיין וואָלאָקאָלאַמסק״, „קיין איסטראַ״ — נעמען וואָס האָבן זיך פאַרגעדענקט פון די אַמאָליגע קאָמוניקאַטן, ווען די נאַצי־האָרדעס זיינען צוגעקומען נאָענט צו מאָסקווע. און איך האָב זיך דערמאָנט, ווי איליאַ ערענבורג — ווען איך בין געווען ביי אים אויף דער דאַטשע אין דער געגנט — האָט זיך באַקלאָגט אויף דעם, וואָס דאָ, אויף די ברודער־קברים פון די העלדן, וואָס האָבן די נאַציס אָפּגעשלאָגן, זיינען נאָך קיין דענקמאָלן ניטאָ. עס האָט זיך דערוועקט סיי דער פאַרדרוס זיינער — און סיי, און נאָך מער, דער יראת הכבוד פאַר די העלדן, וואָס האָבן גע־ראַטעוועט ניט נאָר די שטאָט מאָסקווע.

אַלערליי מחשבות האָבן זיך געטראָגן אין קאָפּ ביים פאָרן צום לופט־פעלד, נאָך אַכט וואָכן אין לאַנד, מייסטנס אין מאָסקווע. ס׳האָט זיך אונ־טערגעצויגן אַ סך הכל. ס׳איז געווען דאָס געפיל ווי נאָך זאַכן וואָלטן גע־דאַרפט געווען געטאָן ווערן; נאָך זען און הערן, נאָך מער אַריינדרינגען אין די הייזער, נייע און אַלטע, וואָס טראָגן זיך פאַרביי...

אָט מיט די געפילן, נאָכן געזעגענען זיך אויפ׳ן לופט־פעלד מיט אייגענע און מיט׳ן הויפּט־רעדאַקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד״, זעצט איר זיך אַריין אין דעם סאָוועטישן דזשעט, וואָס הויבט זיך אויף פון אַ ווייס־פאַרשנייט פעלד און טראָגט אייך קיין וואַרשע. און נאָך איידער איר באַוויזט דורכצו־לייענען די מאָסקווער צייטונגען פון דעם טאָג און פאַרענדיגן דעם אָנבייסן הייסט מען אייך פאַרציען דעם זיכערקייט־פּאַס, און — אויף אַ נאָך מער פאַרשנייט פעלד ווי אין מאָסקווע, לאָזט זיך דער עראָפּלאַן אַראָפּ און איר ווערט באַגעגנט פון גוטע אַלטע חברים, צווישן זיי דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער וואַרשעווער אידישער צייטונג „פאָלקס־שטימע״.

אין וואַרשע

איך האָב ווידער דערזען מיין אַלט־באַקאַנטע שטאָט וואַרשע, די פּיל־געליטענע וואַרשע, וועלכע איז אויפגעשטאַנען פונ׳ם אַש, ערטערווייז אַזוי שיין ווי אַמאָל און אין געוויסע ערטער שענער ווי אַמאָל, — אויפגעשטאַנען, אָבער נאָך ניט אינגאַנצן. עס איז נאָך דאָ צו טאָן אַ סך, אין וואַרשע ווי אין גאַנץ פּוילן. און עס קוקט אויס, אַז דאָ, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, האָבן

זיך אָנהענגער פון סאָציאַליזם געלאָזט צו ווייט אַוועקטראָגן פון סוביעקטיווע געפילן, געמיינט, אַז עפּעס מיט אַ כישוף־שטעקעלע וועט אַלץ גיך געלייזט ווערן; אפילו דער גוואַלטיגער חורבן, וועלכן דער נאַצי־רוצח האָט געלאָזט, וועט איינס און צוויי אַוועק. אָבער דער חורבן פילט זיך נאָך — ניט נאָר דורכדעם וואָס דאָ און דאָרט טרעפט איר נאָך אין וואַרשע סימנים פון צע־שטערונג. ווען דער שעף פון׳ם מיניסטאָרן־קאַבינעט, מיניסטער יאַנוש וויעטשאָרעק, האָט פאַר מיר אונטערגעשטראָכן, אַז אין דער מלחמה איז חרוב געוואָרן פערציג פּראָצענט פון דעם גאַנצן פאָלקס־פאַרמעגן פון פּוילן — און דער־אָ פאַרמעגן איז פריער ניט געווען מי יודע ווי הויך — און ווען ער, דער מיניסטער, האָט פאַר מיר מיט פאַקטן און ציפערן אונטער־געשטראָכן וואָס עס האָט באַטייט שיעור ניט זעקס יאָר נאַצישע אָקופּאַציע פון פּוילן, אויסצורויבן דאָס לאַנד, וואָס עס האָט באַדייט דאָס מאַרשירן פון די נאַצי־האָרדעס אַהין, אין דער ריכטונג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און צוריק פון דאָרטן, ווידער איבער פּוילן; ווי אַזוי דער חורבן האָט זיך געטראָגן הין און צוריק, — ווען ער האָט דאָס אַלץ פאַר מיר אונטערגעשטראָכן, און ווען איך האָב אַליין דערזען זאַכן, האָב איך באַגריפן צוויי ענינים: ערשטנס — נאָכאַמאָל — אַז מיר אַליין האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון ענטוזיאַזם און געמיינט, אַז דאָס צוריק־אויפשטעלן אַלץ, און אויף אַ סאָציאַליסטישן שטייגער, וועט אָנקומען גרינג. פון דער אַנדערער זייט האָב איך באַגריפן, אויב איר ווילט, דעם וואונדער פון סאָציאַליזם, וואָס ניט געקוקט אויף דערויף, וואָס די קאַטוילישע קירכע זיצט נאָך פעסט אין די מוחות פון ברייטע שיכטן, איז דאָס פריערדיגע פּויערשע פּוילן געוואָרן אַ גרויס אינ־דוסטריעל לאַנד, סאָציאַליסטיש־אינדוסטריעל, מיט גרויסע דערגרייכונגען אויפ׳ן געביט פון בילדונג און קולטור בכלל.

פּוילן, ווי טשעכאָסלאָוואַקיע, שטייט — פונקט ווי דער סאָוועטן־פאַרבאַנד, נאָר אויף אַן אייגענעם שטייגער — פאַר ערנסטע איבערענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער בויאונג, צופּאַסן זי מער קאָנקרעט צו אייגענע באַדינ־גונגען און צום אייגענעם געמיט־צושטאַנד פון דער באַפעלקערונג. ווי באַ־וואוסט איז אין פּוילן קיין קאָלעקטיוויזאַציע כמעט ניטאָ. און איר קאָנט איצט אין פּוילן טרעפן, אויף מאַרשאַלקאָווסקע אין וואַרשע, אָדער אין שטשעטשין, ווראָצלאַוו און אַנדערע שטעט, וואו איך בין געווען, קליינע פּריוואַטע קרעמ־לעך, וועלכע מען האָט פריצייטיג געהאַט אָפּגעשאַפט. וויל איך דאָ ניט מאַכן קיין פאַרגלייך מיט דער נעפּ־צייט, אַמאָל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד — נאָכאַמאָל איך בין ניט קיין עקאָנאָמיסט — אָבער קיין טעות דאַרף ניט געמאַכט ווערן: אויך דאָ ווערט דורך געראַנגל און שוועריגקייטן און טעות׳ן געגאַנגען פאָר־אויס. און ווען איר זעט ווי די ליניע פון פאָלקס־פּוילן קריגט איר אויסדרוק אינ׳ם אידישן לעבן, באַגרייפט איר ערשט דעם געוואַלטיגן מהלך פון אַמאָל ביז היינט.

אידיש לעבן אין פוילן

וואָס איך וואָלט דאָ געקאָנט זאָגן וועגן דעם אידישן לעבן אין פוילן, וועגן דער בויאונג פון דער אידישער קולטור, וואָלט קיין נייעס ניט געווען. אָבער ווען איר דערזעט עס און דערפילט עס אַליין איז גאָר עפּעס אַנדערש. און איך פיל נאָך איצט די אַטמאָספערע פון דעם יובּילײ־פּלענום, אינמיטן יאַנואַר, לכבוד 20 יאָר פון דער באַפרייאונג פון וואַרשע — דעם יובּילײ־פּלע־נום פון די טוער פון די קולטור־געזעלשאַפטלעכע קאָמיטעטן פון די אידן אין פוילן. איך פיל נאָך די אַטמאָספערע ווען איך האָב געהערט דעם באַ־ריכט פון אידאַ קאַמינסקאַ וועגן דעם יובּילײ פון דעם אידישן מלוכה־טעאַטער; ווען איך האָב געהערט דעם דערהויבנדיגן רעפעראַט פון דעם הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער „פאָלקס־שטימע", הערש סמאָליאַר, טאַקע אין אידישן מלוכה־טעאַטער, וועגן די טראַדיציעס פון די אידן אין פוילן און ווי די טראַדיציעס קריגן זייער הערלעכן אויסדרוק איצט; ווען איך האָב געהערט דעם פאָרזיצער פון פּרעזידיום פון קולטור־געזעלשאַפטלעכן פאַר־באַנד, לייב דאָמבּ׳ן, רעדן וועגן דעם פאַרלאַג „יידיש־בוך", וועלכער וואַקסט זיך אַזוי מערקווירדיג פאַנאַנדער; ווען איך האָב אויפ׳ן פּלענום געהערט דעם רעפעראַט פון פּראָפעסאָר בער מאַרק, וועגן דעם אידישן היסטאָרישן אינ־סטיטוט אין וואַרשע; ווען איך האָב געהערט פאָרשטייער פון דער יוגנט און געהערט דאָס געזאַנג פון די יוגנט־אַנסאַמבלען, — ווען איך האָב דאָס אַלץ און נאָך און נאָך אין זיך איינגעזאַפּט, האָב איך באַגריפן וואָס אידן קאָנען מיט זייער קולטור דערגרייכן אונטער סאָציאַליזם, לויט אַ לענינשער איינשטעלונג.

דריי מאָל אין טאָג דאַרף פאָלקס־פוילן, דאַרף די סאָציאַליסטישע רע־גירונג פון פוילן, געלויבט ווערן פאַר אָנווענדן דעם לענינשן צוגאַנג אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אָנווענדן דעם צוגאַנג צו דער אידישער קולטור. און זי דאַרף וויסן וואָס פאַר אַ געפילן דאָס רופט אַרויס ביי אונז, אַמעריקאַנער אידן. און אויב עס איז ווען עס איז און וואו עס איז גילטיג געווען דאָס ווערטל, אַז די באַציאונג צו אידן אין דער באַראָמעטער פון אַ לאַנד, איז דאָס גילטיג דאָ — ווען מ׳גיט אַ טראַכט ווי אַזוי פּילסודסקי־פוילן האָט אויס־געקוקט בנוגע אידן און ווי אַזוי פאָלקס־פוילן קוקט אויס.

אויך דאָ, אָבער, וויל איך צו דער פּאָעזיע צולייגן אַביסל ניכטערע פּראָזע. אַז עס איז דאָ ווייניג אידן אין פוילן איז באַקאַנט — אוי, ווייניג! און דאָס פילט מען זייער שטאַרק ווען איר זיצט אין טעאַטער — וואָס איז ווייט ניט פול ביי אַ פּרעמיערע אפילו — און מען פילט עס ביי אַנדערע געלעגנהייטן. די וואָס האָבן געפּרעדיגט „יציאת פוילן" — און געטאָן דער־ביי „איינִיגעס", ווי מ׳זאָגט — דאַרפן זיין די לעצטע צו זוכן חסרונות אינ׳ם אידישן לעבן, — כאָטש זיי זיינען גראָד פון די ערשטע צו זוכן חסרונות...

די קליינע צאָל אידן מוז זיך לאָזן פילן אין דער אַרבעט, פאַרשטייט זיך. אָבער אין דער גרויסער התלהבות יענעם יובילײ־אָוונט אינ׳ם אידישן מלוכה־טעאַטער, ווען נאָך דער רעדע פון הערש סמאָליאַר׳ן זיינען אויפ־געטראָטן די יוגנט־אַנסאַמבלען פון ליגניץ און לאָדזש, זיינען די פּראָבלעמען ווייט אָפּגעשטופּט געוואָרן. און אַזוי ווען איר זעט פאַר זיך געפּאַקטע זאַלן אין שטשעטשין, וראָצלאַוו, לאָדזש, ווען איר קומט אין די מלוכה־שולן, אין די קאָפּעראַטיוון, ווען איר זעט די ברייט־פאַרצווייגטע טעטיקייטן פון די אידישע קאָמיטעטן, די געביידעס וואָס זיי פאַרמאָגן, איינגעשלאָסן אייגענע טעאַטערלעך אין לאָדזש און וראָצלאַוו. ווידער זעט איר וואָס אונטער אַ נייער אָרדענונג קאָן געטאָן ווערן פאַר דער אידישער קולטור.

אין בוכענוואַלד...

איך מוז איבערלאָזן טויזנט און איין זאַכן פאַר מיינע אַרטיקלען אין דער „מאָרגן־פרייהייט”. איך מוז איננאַנצן איבערלאָזן טשעכאָסלאָוואַקיע פאַר מיינע אַרטיקלען — סיידן בלויז צו זאָגן, אַז דאָרט האָב איך אין שמועסן מיט שרייבער, עקאָנאָמיסטן, פילם־רעזשיסאָרן, אָנגעשטויסן זיך אין אַ נייער „אָדלעגע” („טהאָאָ”, „אָטטעפּיעל”) ווען דאָס איז צעגייט; אַ נייע כוואַליע פון ליבעראַליזם, אַזוי צו זאָגן, פון איבערקוקן זאַכן אָן מורא, פון קריטיק — פריינטלעכע, פאַרשטייט זיך, אַלץ אין די ראַמען פון דער נייער, סאָ־ציאַליסטישער געזעלשאַפט.

איך האָב, פאַרשטייט זיך, פאַרבראַכט אין די וואונדערלעכע פּראַגער אידישע מוזייען, וואָס די רעגירונג האַלט אויף; געזען, צווישן אַנדערע, די באַרימטע פּנחס־סינאַגאָגע, וואו עס זיינען אויף אַלע ווענט אויסגעקריצט די נעמען פון אַלע טשעכאָסלאָוואַקישע אידן, וואָס דער נאַצי־רוצח האָט אומ־געבראַכט, העכער 77 טויזנט נעמען — בין אויפגערודערט געוואָרן פון דעם בילד. איך בין געווען אין לידיטשע, אין דעם „גן עדן” קאָנצענטראַציע־לאַגער טערעזיענשטאַדט — און וועגן דעם איז דאָ צו דערציילן.

לאָמיר פאַרענדיגן מיט די קאָנצענטראַציע־לאַגערן בוכענוואַלד און זאַק־סענהאוזען אין דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק, — ד. ד. ר., ווי זי הייסט אויף קורץ — אָדער מזרח־דייטשלאַנד.

נאָכדעם ווי איך האָב געזען באַבי יאַר און אָשווענטשים און מאַידאַנעק האָבן די גרוילן פון זאַקסעהאוזען און בוכענוואַלד מיר ניט געקאָנט איבער־ראַשן. און נאָכדעם ווי איך האָב געזען דעם געטאָ־מאָנומענט און אַנדערע מאָנומענטן, האָט דער אידישער מוזעי אין זאַקסענהאוזן, וועגן אידישן מאַר־טירערטום און אידישער גבורה, מיר אויך ניט געקאָנט איבערראַשן, — כאָטש דאַנקבאַר דאַרף מען זיין דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק פאַר איינאָרדענען דעם מוזעי, ווי פאַר אַרויסגעבן ביכער וועגן דער וואָר־

שעווער געטאָ, אַרויסגעבן היינטיגס יאָר, אין 1965, איבערזעצונגען פון פּרץ׳ן, לכבוד פּרץ׳ס 50־טן יאָרצייט און אַנדערע ביכער פון און וועגן אידן. אַן איינדרוק האָט געמאַכט אויף מיר אין זאַקסענהויזן אַ קלאַס דייטשע קינדער מיט זייער לערער, וועלכע זיינען ספּעציעל געקומען אויף אַ באַזוך פון דעסאו. און איך האָב זיך דערוואוסט, אַז דאָס איז אַ טייל פון דעם קוריקולום, פון די לימודים, צו ברענגען די קינדער אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וויזן זיי וואָס דער נאַציזם האָט געטאָן. מען וויזט זיי אין בוכענוואַלד דאָס אָרט, וואו טעלמאַן איז אומגעבראַכט געוואָרן און מען שטאַרקט אין די קינדער דעם טעלמאַן־גייסט, דעם ליבקנעכט־גייסט.

איך בין געווען אין אַ פּאָר קלאַסן, אין קינדער־שולן אין בערלין, געזען די לערן־ביכער, געזען ווי עס ווערט דערציילט וועגן דער „קרישטאַל־נאַכט״, מיט די פּאָגראָמען אויף אידן, ווי עס ווערט דערציילט וועגן דער פאַרניכטונג פון אידן. אָט דאָס, די איבערדערציאונג פון דער יוגנט, שוין פופצן יאָר כסדר, זינט די דדר איז געשאַפן געוואָרן — איז עטוואָס פון גרינטלעכן באַטייט, פאַר אַ באמת אַנדער דייטשלאַנד. דאָס איז איינער פון די שטאַרקסטע מאָמענטן בעת מיין באַזוך אין דער ד. ד. ר.

אידישע מלוכה־פירער אין דער ד. ד. ר.

דאָס הייסט ניט, אַז קיין געוועזענע נאַציס זיינען דאָרט ניטאָ. דאָס הייסט נאָר, אַז זיי „ליגן איינגעלייגט״, אַז די פאַרברעכער צווישן זיי זיינען שוין גע׳משפט געוואָרן מיט יאָרן צוריק, — און די מייסטע פאַרברעכער זיינען אַנטלאָפן אויף מערב. דאָס הייסט, אַז די רעגירער זיינען דאָרט ניט אַזעלכע ווי גלאָבקע, חלילה און די אַנדערע וועלכע ווערן אַלע מאָל אויפגעדעקט — טאַקע דורך מזרח־דייטשלאַנד — אַז זיי זיינען געווען נאַציס. אין מזרח־דייטשלאַנד זיינען ביי דער מאַכט מענטשן פון ליבקנעכט׳ס שניט, געוועזענע קעמפער אין שפּאַניע, געוועזענע אַרעסטירטע אין די לאַגערן. און איר טרעפט אידן צווישן די מלוכה־לייט אין דער דדר — אַ זאַך וואָס איז אוממעגלעך אין מערב־דייטשלאַנד. איינער פון די וויכטיגסטע מלוכה־פירער איז דאָרט דער איד אַלבערט נאָרדען, אַ זון פון אַ ראַבינער. מיר — פיר אידישע רעדאַקטאָרן (הערש סמאָליאַר פון דער וואַרשעווער „פאָלקס־שטימע״, מ. ווילנער פון פאַריזער „נייע פּרעסע״, י. גערשמאַן פון טאָראָנטער „וואָכנבלאַט״) האָבן פאַרבראַכט ביי אים עטלעכע שעה צייט. און דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דעם צענטראַלן אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, „נויעס דויטשלאַנד״, הערמאַן אַקסען, איז אַ איד, און דער פאָרזיצער פון זשורנאַליסטן־פאַרבאַנד, וועמענס גאַסט איך בין געווען, דר. געאָרג קראַוז, איז אַ איד; און די הארציגע אידיש־אידישע קינסטלערין לאה גרונדיג, מיט וועמען מיר, אידישע רעדאַקטאָרן, האָבן אָפּגעשמועסט אַן אָוונט, איז די פאָרזיצערין פון דעם

קינסטלער־פאַרבאַנד פון דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. און דער אַלטער אַרנאָלד צווייג, ביי וועמען אין הויז איך בין געווען, ווערט געשאַצט און געאַכט אין לאַנד. דאָס, צוזאַמען דערמיט וואָס אין לאַנד איז דאָ אַ רע־גירונג פון אַנטי־נאַצים, געליטענע פונ׳ם נאַציזם, לאַנגיאָריגע קעמפער געגן פאַשיזם, שאַפט גאָר אַן אַנדער אַטמאָספערע.

ווי אַנדערש עס איז די אַטמאָספערע אין מערב־דייטשלאַנד, וואו איך ביי געווען! איך בין געווען אין פראַנקפורט, אויפן משפט פון די אַשוועטשים־מערדער. מען ווערט פּשוט צעפּלאַצט פון ווייטאָג ווען מען זעט, אַז ערשט מיט 20 יאָר שפּעטער משפט מען די מערדער; ווען מען זעט די חוצפה, מיט וועלכער זיי האַלטן זיך, און וועלכע זייערע אַדוואָקאַטן ווייזן אַרויס צו די עדות, וואָס ברעכן אָפּט צוזאַמען, דערציילנדיג וועגן זייערע איבערלע־בונגען. אָבער נאָך מער ווערט מען צעפּלאַצט צוזעענדיג די עשירות אויף די גאַסן פון פראַנקפורט — אין אַ גרויסער מאָס אַנגערויבטע עשירות — עשירות מיט דער הילף פון אַמעריקע; צוזעענדיג ווי די הויפּט־שולדיגע אין אַשוויענטשים, די אי. ג. פאַרבן, קרופּ און די אַנדערע טראַסטן, וועלכע האָבן דורך שקלאַפן־אַרבעט אין „בונא" און אַנדערע פּראָיעקטן ביי אַש־ווענטשים אויסגעקוועטשט דאָס לעבן פון די אסירים, געמאַכט ריזיגע פאַר־מעגנס — ווי זיי, די מאַגנאַטן (וועלכע זיינען אין מזרח ניטאָ), די הויפּט־שולדיגע אין די אַשוויענטשימס, זיינען די אמת׳ע מאַכט הינטער די גלאָבקעס און די אַנדערע. אַז זיי זיינען ביי די אַנגערויבטע פאַרמעגנס געבליבן איז קלאָר: זיי זיינען איצט נאָך רייכער ווי פריער.

איר ווערט צעפּלאַצט פון די גוטע ריידעלעך, פון דער חניפה, מיט וועל־כער די מערב־דייטשן רינגלען אייך אַרום. אַלע האָבן זיך געשוואָרן, אַז זיי האָבן אין „יענע" צייטן לחלוטין גאָרניט געוואוסט וואָס היטלער טוט מיט די אידן. פאַרקערט, זיי האָבן גאָר ליב אידן. אפילו אין דער צייטונג פון די ע־עס, „נאַציאָנאַל און זאָלדאַטען צייטונג" (און די אָרגאַניזאַציעס פון דער „וואַפן עס־עס", ווי אַנדערע היטלערשע אָרגאַניזאַציעס, זיינען לעגאַל, בשעת די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז פאַרבאָטן און בכלל אַנטי־פאַשיסטישע אָרגאַ־ניזאַציעס ווערן פאַרפאָלגט) — אפילו די „נאַציאָנאַל און זאָלדאַטען־צייטונג" האָט געשריבן, ווען איך בין דאָרט געווען, אַז זי איז געגן אַנטיסעמיטיזם... די עס־עס מערדער זיינען געגן אַנטיסעמיטיזם!...

איך האָב זיך דעמאָלט דערמאָנט אין דעם, וואָס דער קדוש עמנואל רינגעלבלום האָט געשריבן אין זיינע „נאָטיצן פון דער וואַרשעווער געטאָ". ער האָט דאָרט געפרעגט, ווי אַזוי עס איז מעגלעך געווען, אַז די נאַצים זאָלן אַזוי גלאַטיג קאָנען אַרויספירן 300 טויזנט וואַרשעווער אידן קיין טרעב־לינקע. און ער האָט געענטפערט: „די פּערפידיע", די נאַצי־דייטשע פּער־פידיע, די געמיינע, בלוטיקע אָפּנאַרעריי. מיט אַלע קונצן האָט מען אָפּגע־נאַרט דאָס אידישע פאָלק. און ווען איך זע ווי מען העצט איצט גראָד געגן

מזרח־דייטשלאַנד און מען קלאַמערט זיך צו אָנהאַלטן שותפות מיט מערב־דייטשלאַנד, דורך געוועזער און אַנדערע זאַכן, טראַכט איך וועגן דער „פּער־פידע”, וועגן וועלכער רינגעלבלום האָט גערעדט. און ווען איך הער ווי עס־עס לייט רעדן געגן אַנטיסעמיטיזם, טראַכט איך וועגן דער „פּערפידע”. זיי ווילן אַ מלחמה געגן מזרח — און דאָס אידישע פֿאָלק זאָל זיי ניט שטערן אין דעם...

ווילט זיך דאָ וואָרענען. ווילט זיך איר זאָלט קומען מיט מיר צוריק קיין בוכענוואַלד, אין דער דייטשער דעמאָקראַטישער רעפּובליק. דאָרט איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מערקווירדיקער קאָמפּלעקס מאָנומענטן, וועגן דעם אומקום פון פאַרשיידענע פעלקער, און אינ׳ם צענטער פון די מאָנומענטן געפינט זיך אַ הויכער טורעם, מיט אַ גלאָק סאַמע אויבן. צוויי מאָל אין טאָג, 10 אין דער פרי און 3 בייטאָג, קלינגט דער בוכענוואַלד־גלאָק. און די קראַנגען טראָגן זיך ווייט איבער די פעלדער פון טורינגיע און הערן זיך אַוודאי זייער קלאָר אונטן, אין ווייםאַר. דאָס האָט נאָך דער נאַצי־רוצח געקאָנט איינאָרדענען אַזאַ שפּיל, אַז אין דער באַרגיגער געגנט איבער ווייםאַר, איבער דער שטאָט וואָס איז געווען די היים פון געטע׳ן, אויך די היים פון פרידריך שילער, פאַרפאַסער פון דער „אָדע צו פרייד” — צו וועלכער בעטהאָווען האָט געשאַפן זיין ניינטע סימפאָניע — „אַלע מענטשן זיינען ברי־דער”, — דאָס האָט דער נאַצי־רוצח געקאָנט אָפּשפּילן אַזאַ טייוולשע שפּיל, ווי אויפבויען בוכענוואַלד מיט די קוימענער פון דער קרעמאַטאָריע איבער ווייםאַר... איז אָט, הערט זיך דער גלאָק פון בוכענוואַלד צוויי מאָל יעדן טאָג איבער די פעלדער פון טורינגיע, איבער ווייםאַר. און דער סאָוועטישער דיכטער אַלעקסאַנדער סאָבעלעוו זאָגט אין זיין פּאָעמע „דער בוכענוואַלדער גלאָק” (אין דער איבערזעצונג פון דעם אידישן דיכטער אין פּוילן, אליהו רייזמאַן):

„מענטשן פון דער וועלט, שטייט אויף אַ ווײַלע,
הערט זיך איין, הערט זיך איין, עס הילכט פון אומעטום,
דאָס טראָגט זיך אונטער הימל בוכענוואַלדער
פון גלעקער אַ געברום, פון גלעקער אַ געברום”.

— — — — — — — — — — — — — —

„מענטשן פון דער וועלט, זייט טאָפּלט וואַכזאַם,
און דעם שלום היט, דעם שלום היט”.

טייערע פריינט! מיר פאַרמאָגן אַ צייטונג, די „מאָרגן־פרייהייט”, וואָס זוכט יעדן טאָג צו צעטראָגן איבער אַמעריקע די קלאַנגען פון דעם בוכענ־

וואַלד־גלאַק: דעם שלום היט! קריגס־פאַרברעכער, אידן־מערדער, דאַרפן געמשפּט ווערן!

און נאָך לאָזונגען לאָזט די „מאָרגן־פרייהייט" הערן: שטאַרקע, מיליטאַנטע יוניאָנס! אַ בעסער לעבן פאַר'ן פאָלק! זיכערקייט פאַר אונזער אַמעריקע! זיכערקייט פאַר מדינת ישראל! העכער די פאָן פון דער אידישער קולטור! אידישע אייניגקייט אין קאַמף געגן אַנטיסעמיטיזם, פאַשיזם, מלחמה:

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין דער שליח פון דער „מאָרגן־פרייהייט" אויף אַ גרויסער רייזע. איך האָב דעם כבוד צו זיין איצט אין אַמעריקע דער שליח ציבור פאַר דער רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג פון דער „מאָרגן־פרייהייט". איך גיב דאָ איבער דעם לייענער אַ באַריכט, וואָס וועט זיך אין דער „מאָרגן־פרייהייט" ציען חדשים, דורך אַרטיקלען, אָבער וואָס האָט דאָ געמוזט פאַרנעמען גאָר אַ באַגרעניצט אָרט. איך האָף, אַז מען וועט גייסטיג אויפנעמען דעם דאָזיגן באַריכט און מאַכן פון אים די אויספירן צו טראָגן וואָס ברייטער אין פאָלק די „מאָרגן־פרייהייט", ווערן לייענער, שאַפן לייענער, — טראָגן וואָס ברייטער אין פאָלק די צייטונג מיט די קלאַנגען פון'ם בוכענוואַלדער גלאָק:

„מענטשן פון דער וועלט, זייט טאָפּלט וואַכזאַם,
און דעם שלום היט, דעם שלום היט".

וואָס באַדייט די בראָשור?

אין דער בראָשור, וואָס מיר ברענגען דאָ די אידישע לייענער, גיט פּ. נאָוויק, רעדאַקטאָר פון דער „מאָרגן פרייהייט“, איבער זיינע איינדרוקן פון אַ צוויי־חדשים׳דיגן באַזוך אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָ געפינען זיך אָבער ניט נאָר איינדרוקן. די בראָשור איז אָנגעפּיקעוועט מיט פאַקטן, וועלכע פּ. נאָוויק האָט צוזאַמענגענומען סיי פון זיינע אייגענע באַאָבאַכטונגען, און סיי פון שמועסן מיט וויכטיגע פּערזענלעכקייטן און פאָלקס־מענטשן, אַרבעטער און פּראָפעסיאָנאַלן.

פּ. נאָוויק איז, אויסער אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויך געווען 2 חדשים אין פּוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע, מזרח־און מערב־דייטשלאַנד און אויך פראַנקרייך. אַזוי אַרום וועט דער לייענער געפינען אין דער בראָשור אַ סך אינפאָרמאַציע אויך וועגן די אַנדערע לענדער, און וועט קריגן אַ פרישן גרויס און קלאָר בילד וועגן דעם אידישן און אַלגעמיינעם לעבן דאָרט.

די „מאָרגן פרייהייט“ האָט אירע אייגענע שטענדיגע קאָרעספּאָנדענטן אין די אַלע לענדער, וואָס ווערן דערמאָנט אין דער בראָשור — און אַזוי אויך אין ישראל און אַ גאַנצער ריי אַנדערע לענדער.

די „מאָרגן פרייהייט“ דערשיינט יעדן טאָג און פאַרמאָגט אַ ספּעציעלע פאַרגרעסערטע אויסגאַבע יעדן סוף וואָך, מיט 2 זייטן אין ענגליש און ספּע־ציעלע אָפּטיילונגען וועגן ליטעראַטור, קולטור און אַרבעטער־פראַגן.

די „מאָרגן פרייהייט“ גיט אַרויס בראָשורן אויף אידיש און ענגליש, וואָס זיינען פון גרויס וויכטיקייט פאַר אַלעמען.

אויב איר זייט פאַראינטערעסירט זיך צו באַקענען מיט דער „מאָרגן־פרייהייט“, פילט אויס דעם בלאַנק אונטן און שיקט אים אונז צו.

„מאָרגן פרייהייט“ פאַרוואַלטונג

זייט אַזוי גוט און שיקט מיר די סוף־וואָך אויסגאַבע פון דער „מאָרגן פרייהייט“ פאַר 3 חדשים, פּריי ———.

זייט אַזוי גוט און שיקט מיר די „מאָרגן פרייהייט“ יעדן טאָג פאַר אַ חודש, פּריי ———.

Name ....

Address ....

City .... Zone State

ISBN:0-657-03917-9